STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08936

# DI MILHOME FUN GOT

Henri Sloves

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# ח. סלאָוועס

# די מלחמה פון גאָט

אויפפירן אָן דער דערלויבעניש פונעם מחבר — איז פאַרבאָטן.

H. SLOVES

# DI MILCHOME FUN GOT

Drama in 3 Acts

Copyright by YKUF
1963

Printed in U.S.A.
209

Published by
YIDDISHER KULTUR FARBAND
(YKUF)
189 Second Avenue
New York 3, N. Y.

ח. סלאָוועס

# די מלחמה פון גאָט

(דראַמע אין דריי אַקטן)

איקוף פאַרלאַג

ניו-יאָרק

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער הילף פון דער
משפחה פון דער פריצייטיק פאַרשטאָרבענער
פאַרדינסטפולער איקוף־טוערין
**בייקע קאָטלער־קאַפּלאַן**
פון שיקאַגע

# פאָרוואָרט

אויפן ערשטן אויגנבליק, זעט עס אונדז אויס משונה־ווילד און אומפאַרשטענדלעך.

ווי האָט עס אַ פאַלשער משיח — שבתי צבי — געקאָנט אַזוי באַהערשן דאָס האַרץ און די נשמה, דאָס גאַנצע לייב־און־לעבן פון אַ פאָלק ?!

ווי אַזוי האָט עס, אַרום אַ פאַלשן משיח, געקאָנט זיך פאַנאַנדערפלאַקערן, אין אַלע עקן פון דער דע־מאָלסטדיקער יידישער וועלט, אַזוי פיל שטורעמדיקע פרייד און האָפענונג, אַזאַ פרענעטישע התלהבות, אַזאַ ליבע און בפירושע פאַרגעטערונג ?!

„די יידן זיינען אַלע פון זינען אַראָפּ״, האָט מען געחוזקט. און עפּעס איז ווירקלעך געווען פון קאָלעק־טיוון שגעון אינעם אופן ווי מ׳איז געפאַלן צו די פיס פון שבתי־צבי, ווי מ׳האָט געשפרייט טעפּיכער אונ־טער זיינע טריט, ווי מ׳האָט געקושט דעם זוים פון זיין קלייד.

די גאַנצע גרויע, ערדישע טאָג־טעגלעכקייט איז פּלוצלינג געהאַט פאַרשוואונדן. אויף איר אָרט איז גע־קומען — בלויזע פאַנטאַסטיק, כולו אומרעאַליטעט. דאָס וואָרט פון שבתי צבי איז געוואָרן ווי דאָס וואָרט פון גאָט.

פאַלשער משיח? אֵי יאָ, אֵי ניין.

יאָ, מחמת אין קולמינאַציע־פּונקט פון זיין לעבן האָט שבתי צבי זיך אָפּגעקערט פון דער שליחות, וועמענס פאַרקערפּערונג ער איז געווען, אין די אויגן פון פאָלק און אין זיינע אייגענע אויגן; מחמת זיין וועג, ווי אַ יחיד, איז פּלוצלינג, און אין שאַרפן, דראַמאַטישן קאָנפליקט, זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען מיטן וועג פון כלל.

ניין אָבער — מחמת ביז אָט דער צעשיידונג איז ער געווען פאָנען־טרעגער און באַגייסטערער; מחמת אַדאַנק אים האָט זיך צעשטראַלט, ווי נאָך קיינמאָל ביז דאַן, דער אוראַלטער גאולה־טרוים.

ווען דער שלייער פון פאַנטאַסטיק איז פּלוצלינג צעריסן געוואָרן, און שבתי צבי איז דערשינען אין אַ נייעם, ווידער אומגלויבלעכן און אומרעאַלן ליכט פון אָפּטריניקן אין גרינעם טורבאַן — האָט זיכער דאָס האַרץ פון פאָלק אויפגעציטערט, אין טיפער דערשיטע־רונג. אָט־די דערשיטערונג האָט געקאָנט בלויז צייט־ווייליק פאַרטונקלען, אָבער נישט אויסלעשן דעם פלאַם, וואָס האָט זיך געהאַט צעצונדן מיט אומגעוזעענער קראַפט.

ווי פיל אַנדערע משיחים — אמתע און פאַלשע — איז שבתי צבי געווען אַן אויסשטראַלונג פון פאָל־

קישער אמונה, פון פאַלקישן גלויבן און טרוים, וואָס האָבן געטליעט לאַנג פאַר אים, האָבן זיך צעלויכטן אַדאַנק אים, אָבער ווייטער שוין געשפינט זיך אָן אים און אפילו — קעגן אים.

יחיד און כלל, גלויבן און אומגלויבן — מיט אָט־די גרונט־פעדים האָט זיך געוועבט די אויסטערלישע קאַוונע פון דער געשיכטע שבתי־צבי, וואָס איז איין קאַפּיטל בלויז, איין אַקט פון אַ דראַמע אַ מער אַל־געמיינע און אוניווערסאַלע.

די דראַמע וואָלט מען געקאָנט אָנרופן: אמונה־קאָמעדיע, אונטערשטרייכנדיק אָבער, אַז די באַצייכענונג קאָמעדיע באַטייט דאָ באין אופן נישט חוזק, צי אויסלאַכערײַ, נאָר גראָד קאַפּויער — גרויסע, אַל־מענטשלעכע און אַלצייטלעכע גורל־שפּיל, אין דעם זין, ווי דאָס האָט באַנומען דאַנטע אין „געטלעכע קאָ־מעדיע”, אָדער ה. לייוויק אין זיין „גאולה־קאָמעדיע”.

אָט־די אוניווערסאַלע גורל־שפּיל, די אמונה־קאָ־מעדיע — פון בלוט און טרערן, אָבער אויך פון מענטש־לעכער גרויסקייט און דערהויבנקייט — איז היינט בלי ספק איינער פון די כאַראַקטעריסטישע קען־צייכנס פון אונדזער תקופה. און במילא איז „די מלחמה פון גאָט”, הגם אַן אויפגעבויטע אויף היסטאָרישן שטאָף — אַ דראַמע אַ היינטצייטיקע.

און ווי קאָן עס דען אַנדערש זיין?! ווי ווייט און טיף דער שריפטשטעלער זאָל ניט גראָבן אין דער פאַר־גאַנגענהייט, זוכט ער תמיד און געפינט בלויז אַן אָפּ־בילד פון זיינע אייגענע טעג און פון זיך אַליין. ווען

ניט, איז ער בלויז היסטאָריקער, אָבער נישט קינסט־לער. און דווקאָ דער היינט ברענגט טיילמאָל דעם שליסל צו דעם, וואָס האָט אויסגעזען אַזוי משונהדיק־אומפאַרשטענדלעך אינעם נעכטן.

„מלחמה פון גאָט" האָט אַמאָל באַטייט — שטרייט פאַר געטלעכקייט צווישן מענטשן. אויף דער שפּראַך פון אונדזער היינטצייטיקייט וואָלט עס געהייסן: „מלחמה פונעם מענטש" — געראַנגל פאַר מענטשלעכ־קייט אויף גאָר דער ערד.

פאַריז

ח. ס.

## פ ע ר ז אָ נ ע ן:

שבתי צבי
סאַראַ, זיין פרוי
זיינע תלמידים:
שלמה
בנימין
מרים
שליח-פוילן
שליח-האָלאַנד
שליח-דייטשלאַנד
שליח-פראַנקרייך
שליח-טערקיי
אַן אַלטע פרוי
אַ מיידל
אַ זקן
גראַף ווערנעדאַ
דער סולטאַן מעהמעד
מוסטאַפאַ
וויזיר
זאַדי, הויף־דאָקטאָר
טערקישער אָפיציר
טערקישע זעלנער
אַ קינד
ערשטער מאַן
צווייטער מאַן
פיילנשיסער, עולם

# ערשטער אַקט

## בילד איינס

(פאַרן פאַרהאַנג)

**שלמה:** (קומט אַריין, פון רעכטס; פייערלעך) **פרײדן צו אײַך, ברידער, פון אַלע עקן וועלט! גאָטס בכור און בן־יחיד, דער הימלישער לייב, וואָס איז שטאַרק, ווי אַ בער, אונדזער משיח און דערלייזער — שיקט אײַך זיין ברכה! דער שטרייט פון גאָט איז אויסגעשטרייט! פרייט זיך, ברידער! זאָל, אין דער איצטיקער שעה פון אויפריכטונג, אייער צער און ביטערקייט אין שמחה זיך פאַרוואַנדלען! פון טרויער־טעג און תעניתים זאָל ווערן יום־טובים!... פרייט זיך מיט פויקן, מיט האַרפן און מיט צימבלען!** (פון הינטער דער בינע גייט־אויף אַ שטילע מוזיק) **ס'איז מקוים געוואָרן די הבטחה פון דורות! זאָל זיין געלויבט און געבענטשט דער נאָמען פון אונדזער דערלייזער אויף אַלע אייביקייטן! אמן! זאָגט אמן, ברידער! זאָגט אמן!**

(ער גייט פאַמעלעך אַרויס אויף לינקס.)

(פון רעכטס קומט אַריין אַן אַלטע פרוי, וואָס פירט פאַר דער האַנט אַ קליין ייִנגל.)

**די פרוי: וויסט, קינד מיינס, דער עיקר איז — אמונה! וויפל טרערן מיר האָבן ניט אויסגעוויינט, וויפל בלוט אונדזערס איז ניט פאַרגאָסן געוואָרן, וויפל מען האָט אונדז ניט געבערנט לעבעדיקערהייט, אָבער אַז מיר האָבן נאָר די אמונה נישט פאַרלוירן, האָט גאָט געטאָן לסוף שיקן אונדז זיין טרייסט. דער דערלייזער איז געקומען!** (און אַנטוויינדיק אויף לינקס, הינטער דער בינע) **אָט, זע נאָר! זע, מיין קינד!**

(פון לינקס לויפט אַריין אַ יונג מיידל, אירע האָר זײַנען צעשויבערט, די אויגן ברענען ווילד; זי בלייבט אַ ווילע שטיין, מיט אַן אָפן מויל, ווי פאַרשטאַרט, אָטעמענדיק שווער; באַלד

הויבט זי אָן מורמלען, פריער שטיל, דערנאָך אַלץ העכער, אין ווילדער התלהבות.)

**דאָס מיידל:** גאָט, איך הער דיך! איך זע דיך! גאָט, אונדזער גאָט! מיר האָבן געשריגן פון די טיפע־נישן! דו האָסט אונדזער געשריי פאַרנומען! איך זע די קרוין! פרייד, הללויה! די קרוין פון אונדזער קיניג! ער, ער — שבתי־צבי! זיין קיניגרייך איז אייביק! אַלע קרוינען אויף זיין קאָפּ! גלויבט, גלויבט, ברידער! ווי צו דעם ניט־גלויביקן:

**די פרוי:** אמת, קינד מיינס! ווי, אָ ווי, צו דעם ניט־גלויביקן!

**דאָס מיידל:** עפנט אייערע הערצער! שפרייט אייערע אָרעמס! ס׳ווערט מלחמה געהאַלטן, די מלחמה פון גאָט! משיח גייט! שמע ישראל! שבתי־צבי איז משיח האמת! (זי לויפט אַרויס צוריק, אויף לינקס; די אַלטע פרוי מיטן קינד לאָזן זיך נאָך איר, אָבער פאַרהאַלטן זיך באַלד; ס׳הערט זיך, פון הינטער דער בינע, אַ קלאַנג ווי פון פאַלן פון אַ קערפּער.)

**די פרוי:** זי איז געפאַלן!... מען טאָר זי ניט אָנרירן! מען טאָר זיך ניט דערנעענטערן צו איר! דער רוח־הקודש איז אין איר. קוק גוט, מיין קינד, און פאַרגעדענק: אַ העלזעערין! אַ נביאה! נאָך אַ נביאה! ווי גרויס זיינען די וואונדער, וואָס גאָט טוט מיט אונדז! מקוים געוואָרן דאָס, וואָס איז געשריבן: איך וועל פאַרשפּרייטן מיין גייסט אויף יעדער באַשע־פעניש און אייערע זין און אייערע טעכטער וועלן נביאות זאָגן... אפשר וועסטו אויך זוכה זיין, מיין קינד, פונקט ווי אָט דאָס מיידל, פונקט ווי פיל אַנ־דערע קינדער... און איך וועל די באָבע פון אַ נביא זיין.. גאָט, ווי גרויס זיינען די נסים, וואָס דו טוסט מיט אונדז טאָן! ווי גרויס דיינע נסים!

(זי גייט לאַנגזאַם אַרויס, מיטן קינד, אויף לינקס; די מוזיק שפּילט כסדר.)

## בילד צוויי

(דער פאָרהאַנג גייט אויף. אַ צימער, אָריענטאַליש באַ־צירט, מיט טעפּיכער און ליכט. אין אַ ווינקל, אַ הויכער שטול, ווי אַ טראָן. סאַראַ, אַ יונגע, בילד־שיינע פרוי, זיצט האַלב אויס־געצויגן אויף קישנס. נעבן איר, מרים, איר הויף־פרוי. די מוזיק, הינטער דער בינע, שפּילט כסדר.)

סאַראַ: נו, גענוג, מרים! גענוג שוין!

מרים: ס'איז היינט יאָרצייט ביי מיר, מלכּה.

סאַראַ: ביי מיר איז יאָרצייט יעדער טאָג פון יאָר. כ'געדענק ניט דעם טאָג, ניט דעם חודש. כ'געדענק אפילו ניט, זומער איז עס געווען, צי פרילינג. די זון האָט בלענדנדיק געלויכטן — אפשר האַרבסט, אפשר גאָר ווינטער? ווען נאָר איך פאַרמאַך די אויגן, זע איך: מען קוילעט מיין מאַמען, מ'האָט מיין טאַטן גע־שאָכטן...

(ס'הויבט זיך אויף, פון אַ זייט, אַ טעפּיך־טיר און ס'באַ־ווייזט זיך שלמה.)

שלמה: מלכּה!

סאַראַ: (שטיל) יאָ?

שלמה: שלוחים זיינען דאָ. דאָס ליכט פון קי־ניגס פּנים צו זען.

סאַראַ: באַלד וועט דער קיניג זיין גרייט. (שלמה פאַרשווינדט; סאַראַ רעדט שטיל, פאַרטראַכט) די איינ־ציקע לעבן געבליבן פון אַ גאַנצן ישוב — מאַן און פרוי, גרייז און זויגלינג... די איינציקע אַנטרונען פון אונטער בלאַנקענדיקער שווערד...

מרים: מיט דיר איז גאָט געגנאַד, מלכּה. שיין ביסטו, ווי קיין שום מענטשלעך וועזן אויף דער ערד.

סאַראַ: ניין, מרים! כ'האָב שוועסטער געהאַט, בין איך ווי אַ שרץ קעגן זיי. יונגע הירשינס זיינען זיי

געוועזן, מיט אויגן פלאַקערדיקע ווי הבדלות, מיט לייַ־בער שייַנענדיקע ווי די זון! האָט מען מייַנע שוועס־טערס ברוסטן פאַר הינט געוואָרפן! און מייַנע אויגן האָבן עס געזען! איך האָב געהאַט ברידער, ווי יונגע צעדערבוימער, ווי צעדערבוימער פון לבנון, האָט מען זייערע שאַרבנס ווי ניס געשפּאָלטן און זייערע געהירן האָבן באַשפּריצט די שטיינער פון וועג. און מייַנע אויגן האָבן עס געזען! איז דאָ אַ גאָט פון גערעכטיקייט, מרים?

מרים: ס׳איז דאָ אַ גאָט פון רחמנות, מלכה. ער האָט אונדזערע טרערן דערזען, אונדז דעם דערלייזער געשיקט און דיך פאַר אים באַשערט און דיך מיט אים באַהעפט.

סאַראַ: אַ זכר פון בלוט פאַרן קיניג צו זיין — אין דעם זכות בין איך לעבן געבליבן. כ׳זע תמיד בלוט פאַר מיר. פאַרמאַך איך אַ רגע די אויגן, איז ווי איך וואָלט אויף אַ ים אַ בלוט־רויטן געשוואומען. אַזוי בייַ־טאָג, אַזוי בייַנאַכט. פון זינט איך בין פון שווערד אַנט־רונען. פון זינט די קלויסטער־פרויען האָבן מיך אויס־באַהאַלטן און אין זייערע קליידער אַנגעקליידט און זייערע תפילות מיר געלערנט — כדי איך זאָל אַ פוי־לישקע ווערן און דעם געקרייציקטן דינען, ווי זיי. פון זינט מיין טויטער טאַטע, מיטן געשאַכטענעם האַלדז, האָט מיך, איין מאָל אַ נאַכט, פון קלויסטער אַרויסגע־נומען און, אין איין העמד, אויף אַ בית־עולם, צווישן יידן געבראַכט. יתומות בלוטיקע זייַנען מיר, מרים. וואו איז דען דיין פאַטער, וואו איז געבליבן זיין געביין?

מרים: אויפן שייטערהויפן פון דער אינקוויזי־ציע, מלכה.

סאַראַ: און דיין מוטער וואו?

מרים: אין די קעלערן פון די דאָמיניקאַנער איר נשמה אויסגעהויכט. איר לייב האָט מען פריער מיט אייַזערנע קאַמען צעקעמט.

סאַראַ: און דיינע ברידער, מרים, דיינע שוועס־טער?

מרים: אין די פלאַמען פון אויטאָ־דאַ־פע, אויף קדוש השם.

סאַראַ: בלוטיקע יתומות אַלע.

שלמה: (באַווייזט זיך ווידער פון הינטערן טעפּין) פּאַרצייַ, מלכה, מען דאַרף די שלוחים צו אונ־דזער האַרס געזיכט דערלאָזן.

סאַראַ: (צו מרימען) גיי זאָג דעם קיניג. (מרים גייט אַרויס.)

שלמה: מלכה! מלכה! (פאַלט צו צו סאַראַן, קושט דעם זוים פון איר קלייד) הייליק ביסטו, מלכה! יעדער הויך פון דיין מויל, יעדער בויג פון דיין גוף, יעדער שטראַל פון דיין לייב איז קדושה!

מרים: (קומט אַריין) דער קיניג איז גרייט.

סאַראַ: (צו שלמהן) הייס די שלוחים אַריינקומען! (זי גייט אַרויס; מרים נאָך איר.)

שלמה: (הויבט־אויף דעם טעפּיך, רעכטס, און רופט) ברידער!

(פון הינטערן טעפּיך קומען אַריין די שלוחים, אומדרייסט, קוקן זיך אַרום מיט פּאָרכטיקייט.)

שלמה: (פייערלעך) ברידער, באַלד וועט איר זען דאָס געזיכט פון אונדזער קיניג, אין זיין פּראַכט און הייליקייט! וואויל צו אייך, ברידער, וואָס איר האָט די איצטיקע רגע דערלעבט! די ווערטער פון אונדזער האַר, פונקט ווי זיינע מעשים, זיינען וואונדערלעכע און סודותפולע! ס'קאָן זיי נישט משיג זיין, נישט אויס־מעסטן זייער טיפקייט דער מענטשלעכער שכל, וואָס איז פאַלש און פאַרפירעריש! בלויז דער פלאַם פון אמונה מאַכט אויפלויכטן די מענטשלעכע נשמה! אויב איר וועט, פונעם מויל פון אונדזער האַר, הערן זאַכן אויסטערלישע און אומפאַרשטענדלעכע, זאָלט איר ניט שרעקן זיך, נישט אַראָפּפאַלן פון מוט, נאָר אדרבא, זאָל

**אייער אמונה נאָך שטאַרקער ווערן, טיפער נאָך און פלאַקערדיקער! ווי צו די ניט־גלויביקע! און וואויל צו אייך, ברידער, וואָס מיט אייער אמונה האָט איר זוכה געווען צו דערזען דאָס ליכט פון משיח צדקנו!**

(אַ טעפּיך, אין הינטערגרונט, האָט זיך אויפגעהויבן; ס׳באַווייזט זיך שבתי צבי; ער שטייט אַ ווײַלע אומבאַוועגלעך און רופט הויך.)

**שבתי: גאָטס ברכה אויף אייך, ברידער!**

**שלוחים:** (מיט טרערן אין קול) **קיניג! דערלייזער!**

(שבתי לאָזט זיך גיין פּאַמעלעך, מאַיעסטעטיש, צום טראָן; די שלוחים פאַלן צו זיינע פיס, קושן זיין קלייד; הינטער שבתין גייט סאַראַ און, נאָך איר, בנימין.)

**שבתי:** (זעצט זיך אויפן טראָן, נעמט סאַראַן בײַ דער האַנט) **דאָס איז סאַראַ, אייער מלכה, ברידער!** (ער זעצט זי נעבן זיך) **דאָס איז בנימין און** (אָנווייזנדיק אויף שלמהן) **דאָס איז שלמה — צוויי תלמידים, די נאָענטסטע צו מיין האַרצן.** (הויך) **שפּילער, זייט משמח דאָס געמיט!** (די מוזיק ווערט שטאַרקער) **בלויז דאָרט וואו עס הערשט פרייד, טוט רוען די שכינה.** (ער טראַכט אַ ווײַלע) **ברידער, גאָט האָט אונדזער עלנט דערזען, אונדזער געבראָכן האַרץ דערפילט, אונדזערע טרערן פאַרנומען! גאָט האָט דאָס געשריי פונעם אומשולדיק־פאַרגאָסענעם בלוט דערהערט! טרייסלט־אָפּ דעם אַש פון די קעפּ, ווייל איר וועט נישט וויינען מער, ברידער, איר וועט נישט וויינען מער! ס׳האָט אויסגעשלאָגן די שעה פון דערבאַרעמונג! זעט,** (ער שטעלט זיך אויף, ווייזט מיט דער האַנט אויף דער ווײַט) **די באַשערטע איז געקומען! ווי שיין זי איז, די בת־מלכה, מעליסעלדאַ! ווי שיין זי איז אין איר נאַקעטקייט, נאָר וואָס פון פרישן וואַסער אַרויס! פון אירע נאַכטשוואַרצע האָר טוען נאָך טראָפּנס טריפן! ווי אַ שווערד אַ שאַרף־געשליפענע שיינט איר געזיכט! אירע ליפּן**

**ווי קרעלן און ווייסער פון מילך איז איר לייב! אַ, מעליסעלדאַ, מעליסעלדאַ, שוועסטער מיינע, מיין געליבטע! קערסט אום אַהיים צו דיין באַשערטן! קום, הירשין מיינע, צו די ברוסטן פון דיין הירש, פון דיין צבי, פון דיין שבתי צבי!**

שלמה: (מיט ווילדער התפעלות) **אמן! אמן! זאָגט אמן, ברידער!**

שלוחים: (ניט פאַרשטייענדיק, אָבער הייס) **אמן! אמן!**

**אַ זקן:** (רייסט זיך פּלוצלינג אַרויס פון צווישן די שלוחים, לאָזט זיך צום טראָן, מיט עקסטאַטישן געשריי) **ברידער, איך זע זיין געזיכט! איך זע אים, ברידער! פּונקט יאָר, ווי איך בין בלינד געווען און אָט זייַנען מיינע אויגן דערעפנט געוואָרן! איך זע אים, אונדזער האַר, אונדזער משיח! דאָס איז ער! קוקט, איבער זיין קאָפּ שוועבט אַ קרוין פון גאָלדע פייער! זי פלאַקערט ביז אין די הימלען! ברידער, די אָפּגעוואָרענע אויגן מיינע ווערן פונעם ליכט פאַרבלענדט! ער איז אונדזער קיניג! נישטאָ קיין קיניג אויסער אים! נישטאָ קיין קיניג איבער אים! איך זע אים! איך זע אים!** (לויפט אַרויס, מען הערט אים שרייען: איך זע אונדזער קיניג!...)

**שבתי:** (האָט זיך אַוועקגעזעצט; שטיל) **ברידער מיינע, וואָס ברענגט איר צו מיין טראָן?** (אָנווייזנדיק אויף איינעם) **דו, ברודער!**

**שליח־פּוילן:** (טוט אַ פאַל צו צום טראָן) **האַר מיינער, קיניג, דערלייזער — זאָל דיין נאָמען זיין געלויבט און געאַכפּערט אויף אייביק! פון מלכות־פּוילן קום איך, טרערן קום איך שפּרייטן פאַר דיין טראָן, בלוט קום איך שפּרייטן פאַר דיין טראָן, דעם געקלאָג פון די רעשטן ניט־דערקוילעטע, ניט־דערברענטע! ס'איז דער ישוב־פּוילן אַוועק מיט פייער און מיט רויך, גאַנצע קהילות הייליקע אויסגעשאָכטן!**

**סאַראַ:** (שטעלט זיך אויף; פייערלעך) ברודער, ס׳וועט מער קיינמאָל אונדז נישט ברענען קיינער! ס׳וועט מער קיינמאָל אונדז נישט שעכטן קיינער! גאָט האָט געשיקט אונדז דעם גואל, אונדזער משיח!

**שליח־פּוילן:** (וויינט, פאַלט צו סאַראַס פיס, קושט איר קלייד) מלכה, יתומה פון אויסגעקוילעטן יידישן פּוילן! געבענטשט זאָלן זיין דיינע ווערטער פון טרייסט! (צו שבתי׳ן) האַר מיינער, די ידיעה וועגן דיין אַנטפּלעקונג איז ווי אַ וואונדערלעכער זאַלב געוואָרן פאַר אונדזערע וואונדן! איצט האָבן מיר ערשט דער־זען דעם זין פון אונדזער פּיין. ס׳איז חבלי־משיח גע־ווען און הקדוש ברוך הוא האָט געוואָלט, מיר זאָלן זיין דער קרבן פאַר כל ישראל. האַר מיינער, די ביים־לעבן־געבליבענע פון חורבן האָלטן זייערע אויגן צו דיר אויפגעהויבן. אונדזערע ליפּן האָבן ווידער אויפ־געשמייכלט, אונדזער האַרץ האָט זיך מיט האָפענונג צעבליט. מיר האָבן זיך אויסגעטאָן פון אַלע דאגות־פּרנסה און זיינען גרייט צו גיין לויט דיין באַפעל. מיר וואַרטן אויף דיין וואָרט, אָבער — פּאַרצייַ, קיניג — דאָס וואַרטן ווערט אַלץ שווערער. עד מתי, הערלייַ־זער?! זאָג אונדז דיין וואָרט, מיר גייען אויס אים שוין צו הערן! (קושט דעם זוים פון שבתיס קלייד.)

**שבתי:** (צו אַ צווייטן) און דו, ברודער מיינער, וואָס ברענגסט דו פאַר מיין טראָן?

**שליח־האָלאַנד:** (פאַלט צו צום טראָן) האַר מיי־נער, קיניג, משיח, זאָל דיין נאָמען זיין געלויבט און געאָכפּערט! פון מדינת־נידערלאַנד קום איך, פון אַמ־סטערדאַם, כדי צו קושן דעם שטויב פון דיינע טריט. אין לשער איז אונדזער פרייד, קיניג! אין אונדזער נייער אַמסטערדאַמער שול האָט די גאַנצע קהילה קדושה אונדזערע — גרויס און קליין, מאַן און וויב, רבנים, פּרנסים און באַלעבאַטים — מיט טענץ און

געזאַנג, מיט שאַלן און טראָמפּייטן דיין נאָמען גע־פרייזט! מדינת־נידערלאַנד האָט אונדז מיט חסד אויפ־גענומען, אונדז, די פאַרוואָגלטע פון שפּאַניע, אָבער פון אונדזערע נאָזלעכער איז נאָך נישט פאַרגאַנגען דער ריח פון ברענענדיקע לייבער אויף די אינקוויזיציע־שייטערס. מיר האָבן נאָך נישט פאַרגעסן די פּיין און די חרפּה פונעם פאַרשטעלן זיך, פון מוזן אָננעמען לפּנים וועגן אַ פאַלשן און פאַרהאַסטן גלויבן. מיט טיפער אונ־טערטעניקייט, ווי קינדער ביי אַ היים־געליבטן פאָ־טער, בעטן מיר, דו זאָלסט אונדז באַלערן: וואָס דאַרפן מיר טאָן? זאָלן מיר גלייך איצט, אַלע, קינד־און־קייט, זיך אין וועג לאָזן און ציען קיין ירושלים, אין דיין קיניגרייך? זאָלן מיר וואַרטן אויף דיין סימן? מיר טוען קניען און בוקן פאַר דיין קיניגלעכן שטול און ציען אויס די הענט נאָך דיין גענאָד און וואַרטן אויף דיין וואָרט, וואָס מיר גייען אויס אים שוין צו הערן!

(קושט דעם זוים פון שבתיס קלייד.)

שבתי: (צו אַ דריטן) און דו, ברודער מיינער, וואָס אַזוינס ברענגסט דו צו מיין טראָן?

שליח־דייטשלאַנד: (פאַלט צו צום טראָן) קיניג מיינער, האַר מיינער, משיח אלוהי יעקב! איך קום פון אשכנז, פונעם לאַנד פון שוואַרצן טויט, פונעם לאַנד פון די יידן־ברענער, פון דייטשלאַנד! די קהילה קדושה האַמבורג האָט מיך געשיקט אַהער, צו זען דאָס ליכט פון דיין פּנים. ס'איז חדווה און פרייד ביי אונדז, קיניג! מען האַנדלט נישט מער אין אשכנז. מען וואַנדלט נישט מער, מען איז מער נישט עוסק אין מסחר און מלאכה! פיל פון אונדזערע ברידער האָבן זייער גאַנץ פאַרמעגן אויספאַרקויפט בחצי חנם, אַבי גרייט צו זיין! פיל האָבן אַלדאָס האָב־און־גוטס זייערס שוין פאַרפאַקט, אפילו ציהה לדרך, כלעריליי עסנוואַרג, אין פעסער אַנ־געגרייט, פאַר אַזאַ לאַנגן וועג! שיקט מען מיך פרעגן, מיין האַר: וואָס דאַרפן מיר טאָן? האָט שוין דיין

שופר געשאַלט? איז שוין צום ביטערן גלות אַ סוף געקומען? וואָס גרעסער די פרייד, אַלץ שטאַרקער דער אומגעדולד! און די שונאים שפּעטן, חוזקן ביטער. עד מתי, קיניג אונדזערער, משיח?! זאָג דיין וואָרט צו דיינע קנעכט! (קושט דעם זוים פון שבתיס קלייד.)

שליח־פראַנקרייך: (גיט אַ פאַל צו צום טראָן) קיניג! האָר אונדזערער! פון פראַנקנלאַנד קום איך, פון דער קהילה קדושה פּאַריז! צום לויב פון דיין נאָמען האָבן מיר אַ געוועט געשלאָסן מיט די נוצרים. ס'האָבן די נוצרים זיך מתחייב געווען: אויב ס'וועט די נבואה פון יידישן קיניג, שבתי צבי מקוים ווערן אין די נאָענטסטע זעקס חדשים, פאַרלאָזן מיר די אמונה פון געקרייציקטן און ציען מיט אייך, ווי יידן, אין הייליקן לאַנד. און מיר האָבן אונטערגעשריבן: טאָמער, חלילה, ווערט די נבואה פון אונדזער האָר נישט מקוים, האָט איר רעכט אונדז אויסצושעכטן אַלע ביז איינעם. דער געוועט איז ביי אַ קרוין־נאָטאַר איינגעלייגט און פאַרחתמעט מיט די שטעמפּלען פון דער קרוין. שיקט מען מיך פרעגן, קיניג אונדזערער: האָט שוין אויסגעשלאָגן די שעה? קאָן מען שוין די גרים צולאָזן צו ברית אברהם ויצחק? דאַרף מען נאָך וואַרטן? און אויב יאָ — ווי לאַנג? עד מתי, האָר מיינער, עד מתי? זאָג אונדז דיין וואָרט, דערלייזער! (קושט דעם זוים פון שבתיס קלייד.)

שליח־טערקיי: (פאַלט צו צום טראָן) משיח בן דוד! הימלישער לייב! די קהילה קדושה סאַלאָניקי טוט, אין גרויס ערפורכט, קושן די טריט פון דיינע פיס! נישטאָ מער ביי אונדז קיין גשמיות! אויס מסחר, אויס מלאכה, אויס דאגות־פרנסה! בלויז תשובה, תעניתים, סיגופים, פייניקונג פון לייב: הייסע חלב־טראָפּנס אויף די אַקסלען, ברענענדיקע קראַפּיווע אויף די לענדן, אייז־קאַלטע טבילה אין ים אום ווינטער, מלקות בייטאָג און ביינאַכט! פיל זינדיקע האָבן נישט

אויסגעהאַלטן און די נשמה אויסגעהויכט. שיקט מען מיך פרעגן: ווי לאַנג נאָך, קיניג אונדזערער?! די אַמאָליקע תעניתים האָבן מיר, לויט דיין באַפעל, אין יום־טובים פאַרוואַנדלט, אָבער די חבלי תשובה — ווי לאַנג נאָך, מיין האַר? עד מתי, עד מתי?! האָט די שעה שוין אפשר אויסגעשלאָגן?! דיין וואָרט, גואל אונדזערער, משיח בן דוד, דיין וואָרט! (קושט דעם זוים פון שבתיס קלייד.)

שבתי: (מיט טיפער האַרציקייט) ברידער מיינע! אומגליקלעכע, פאַרפייניקטע, דורך אַלע פייערן געברענטע, דורך אַלע קאַלך־אויוונס געלייטערטע, דורך אַלע מיתות־משונות אויסגעפרואווטע! מיין וואָרט ווילט איר, ברידער מיינע? מיין וואָרט ווילט איר? (און שטיל, קוים וואָס מען הערט אים) ברידער! (ער פאַרמאַכט די אויגן, מורמלט עפעס) די האַנט פון גאָט איז געווען אויף מיר און ער האָט מיך אַרויסגעטראָגן מיט דעם גייסט פון גאָט און האָט מיך אַראָפגעלאָזט אינמיטן פון דעם טאָל און ער איז פול געווען מיט ביינער. און ער האָט מיך פאַרבייגעפירט פאַרביי זיי רונד אַרום, ערשט זיי זיינען געווען זייער פיל איבערן טאָל און פאַרוואָר, זיי זיינען געווען זייער פאַרטריקנט. און ער האָט צו מיר געזאָגט: מענטשנקינד, קאָנען די דאָזיקע ביינער לעבעדיק ווערן? (פויזע; שטילער) ברידער מיינע, אַזוי פיל ביינער אונדזערע אין טאָל! אַזוי פיל ביינער אונדזערע אין אַלע טאָלן אויף דער ערד, פאַרטריקנטע, פאַרפייניקטע! (ער צעוויינט זיך) פאַרוואָס, ברידער מיינע?! פאַרוואָס קומט דאָס אונדז?! (ביסלעכווייז באַרואיקט ער זיך) אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר צו די דאָזיקע ביינער: זעט, איך ברענג אַריין אין אײַך אַן אָטעם און איר וועט לעבעדיק ווערן... (ער מורמלט עפעס שטיל) מיין וואָרט ווילט איר, ברידער? (און אַלץ העכער און זיכערער) איר האָט געזאָגט: פאַרטריקנט זיינען אונדזערע ביינער און פאַר־

לוירן איז אונדזער האָפענונג און פאַרשניטן זײַנען מיר... זעט, איך האָב אײַך אויפגעבראַכט פון אײַערע קברים און אײַך ווידער לעבעדיק געמאַכט און וועל אײַך ברענגען אויף דער ערד פון ישראל און אײַך באַרוען אויף אײַער ערד — איך, אײַער האַר, אײַער מלך!

אלע: (בוקן זיך, מיט געוויין) קיניג אונדזערער! האַר אונדזערער!

שבתי: פון ביינער אויסגעטריקנטע האָב איך געמאַכט — אַ פאָלק! און פונעם פאָלק — אַ בויגן אַ געשפּאַנטן! וואו איז די פייל?! איך בין די פייל! די פייל פון גאָט! איך, שבתי צבי, אײַער גואל!

אלע: (ווי פריער) גואל אונדזערער! דערלייזער!

שבתי: איך צעטייל די וועלט אויף אַכט־און־דרײַסיק קיניגרײַכן און אַלע וועלן זיי דינען צו מיר! די ערד, וואָס האָט אַממערסטן געטרונקען אונדזער בלוט — פוילן און ליטע, אוקראַינע און אשכנז — גיב איך פאַר אַ קיניגרײַך צו מײַן מאַמען אסתר, די צדיקת! אַלע אַנדערע מלוכות וועל איך פאַרטיילן לויט מײַן ווילן! אַלץ וועט זיך בוקן צו מײַן טראָן! אַלץ, וואָס אויף דער ערד, אַלץ וואָס אין די ימים, אַלץ וואָס אין די הימלען! פאַר מיר, שבתי צבי, אײַער משיח! פאַר מיר, שבתי צבי, אײַער גאָט!

(ס'פאַלט צו אַ פּלוצלינגדיקע שטילקייט, הערנאָך אַ שרעקעדיקער געמורמל: „גאָט?! אונדזער גאָט?!..")

שלמה: (מיט עקסטאַז) הללויה, ברידער! זאָל געאַכפּערט ווערן דער נאָמען פון אונדזער האַר אויף אַלע אייביקייטן! אמן, ברידער! זאָגט אמן!

אלע: (צעטומלט און שרעקעוודיק, אָבער הייס) אמן! אמן!

(בײַם אַרײַנגאַנג באַווײַזן זיך פּלוצלינג צוויי באַוואָפנטע טערקישע זעלנער מיט אַן אָפיציר; די זעלנער טראָגן אַ גרויסע, פירעקיקע תפיסה־ברעט, מיט אַ קײַלעכיקער עפענונג אין דער מיט; דער אָפיציר האַלט קייטן אין דער האַנט.)

**אַפּיציר:** (הויך און אַרויסרופּעריש) **אַללאַה אַכּ־באַר אַללאַה!** (ער טוט דריי מאָל אַ זעץ מיט דער שווערד איבער דער תפיסה־ברעט) **צייט שוין! שפּעט!**

**שבתי:** (ווערט פּלוצלינג אויסגעלאָשן און ווי איינגעשרומפּן; ער זאָגט מיט אַ שוואַכן קול) **גייט, ברידער, גייט... גאָטס ברכה מיט אייך ..**

(די שלוחים, פּאַרלוירן, צעטומלט, גייען אַרויס; ס'בלייבן שבתי, סאַראַ, בנימין, שלמה, די זעלנער און דער אַפּיציר.)

**אַפּיציר:** די וואָך האָט זיך געביטן!

**סאַראַ:** מיר זיינען גרייט, אַפּיציר. (זי נעמט אַן שבתין פאַר אַ האַנט, גייט מיט אים אַראָפּ פון טראָן און פירט אים צו אינמיטן בינע; ער לאָזט זיך פירן, ווי אין אַ חלום) טו דיין זאַך, אַפּיציר!

**אַפּיציר:** באַפעל איז באַפעל! דער געפאַנגע־נער מוז זיין אין תפיסה־ברעט געשמידט! אויך אין קייטן! יעדע וואָך דאַרף קאָנען מעלדן: אַלץ אויס־געפירט, ווי ס'איז פאַרזאָגט. מען קאָן נאָכקוקן אַמאָל! און פאַרן עובר זיין אויפן באַפעל, באַצאָלסטו מיטן קאָפּ: (ער גיט אַ ציי־כן די זעלנער, זיי הויבן אָן אָנ־טאָן אויף שבתין די תפיסה־ברעט) דער היגער שעיך איז היינט געווען ביי מיר. קלאָגן זיך געקומען! אַ תפיסה, זאָגט ער, האָבן די יאַהודים פאַרוואַנדלט אין אַ פּאַלאַץ! דערלויבט אַזוינס דאָס געזעץ?! שטאַרק בייז געווען, דער שעיך! (ער ציט מיט די אַקסלען, גייט אַרום איבערן צימער, באַטראַכט די טעפּיכער און די פאַרשיידענע הפצים) וואָס אמת, איז אמת — איר האָט דאָ טאַקע אַ פּאַלאַץ געמאַכט. אָבער פאָרט איז דאָ די פעסטונג־תפיסה קום־קאַלע! (די זעלנער האָבן אָנגעטאָן אויף שבתין די תפיסה־ברעט; ער שטייט אומבאַוועג־לעך, שווייגנדיק, אַ ביסל איינגעבויגן פונעם געוויכט.)

**זעלנער:** שוין, האַר אַפּיציר!

**(דער אַפּיציר גיט אַ וואָרף די קייטן; די זעלנער הויבן אָן זיי אָנטאָן אויף שבתין.)**

אַפּיציר: אַ שונא אייערער, דער היגער שעיך! איז עס רעכט, זאָגט ער, וואָס די יאַהודס זיינען זיך צו־נויפגעקומען אַהער, צו זייער קיניג, פון אַלע עקן וועלט?! איז עס רעכט, וואָס זיי שטערן אונדזער רו?! איז עס רעכט, וואָס זיי קויפן אויף דאָס גאַנצע ברויט אונדזערס, אַז עס פעלט שוין אויס פאַר די רעכטגלויביקע און ס׳איז בכלל נישט צו קריגן מער — ניט אַ הון, ניט אַן איי פאַר אַ קינד?! די יאַהודס, זאָגט ער, זיינען אַלע פון זינען אַראָפּ.

די זעלנער: (ברענגען פלוצלינג אוים אין אַ הילכיקן, אומזיניקן געלעכטער.)

אַפּיציר: (שטרענג) וואָס איז?!

די זעלנער: פאַרצייאונג, האַר אַפּיציר! (ציען זיך אוים.)

אַפּיציר: שנעלער! ענדיקט!

זעלנער: שוין, האַר אַפּיציר!

אַפּיציר: איר קאָנט גיין!

(די זעלנער גריסן מיליטעריש און גייען אַרויס.)

אַפּיציר: (צו שלמהן) זיי זיי מכבד, מיין האַר.

שלמה: יאָ, האַר אַפּיציר, אַ דאַנק! (ער גייט אַרויס.)

אַפּיציר: (צו שבתין) האַר מיינער, איך ווייס — ביסט אַ הייליקער מאַן. אָבער באַפעל איז באַפעל. באַלד וועל איך קומען און אָפּשמידן דיך. (ער גייט צו צו בנימינען, נעמט אים אין אַ זייט) דער היגער שעיך האָט מיר דערציילט, ער האָט געשיקט אַן אָנקלאַגע צום פאָטער־פאַדישאַך.

בנימין: דער היגער שעיך?! יוען?!

אַפּיציר: ערשט דאָ ניט לאַנג. געבעטן ביים פאָטער־פאַדישאַך, מען זאָל אייער האַר (ווייזט אויף שבתין) מיט טויט באַשטראָפן.

בנימין: אַזוי האָט ער געזאָגט?!

אַפּיציר: יאָ, פאַרוואָס איז ער אַזאַ שונא אייערער,

דער היגער שעיך? באַקומט ער ניט קיין באַקשיש?

בנימין: ער באַקומט.

אָפּיציר: אַללאַה איז דערבאַרעמדיק. (צו שבתין) מיין האַר, אויך די רעכטגלויביקע ווייסן: ס'איז נאָענט די שעה פון מעהדי. אַללאַה איז גרויס! (גריסט, גייט אַרויס.)

(שבתי, אין תפילה־ברעט אין געשמידט אין קייטן, שטייט אומבאַוועגלעך; סאַראַ גייט צו צו אים, גלעט אים; פון הינטער דער בינע דערטראָגט זיך אַ הילכיקער געלעכטער פון די זעלנער.)

סאַראַ: (הייס) האַר מיינער! משיח! דערלייזער!

שבתי: (שטיל) בנימין!

בנימין: יאָ, האַר מיינער?

שבתי: אַ מסירה?! צום סולטאַן?! (בנימין לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, ענטפערט נישט) געבעטן — מיט טויט מיך באַשטראָפן?!

סאַראַ: (ווי פריער, פליסטערנדיק) קיניג! משיח! (פויזע)

בנימין: (טוט פלוצלינג אַ פאַל צו שבתיס פיס) גואל אונדזערער — עד מתי?! ווי לאַנג נאָך.! ווי לאַנג נאָך אַזוי?!

סאַראַ: (שאַרף) שווייג, בנימין!

שבתי: (מיט אַ שוואַכן קול) דו אויך, זון מיינער — קליין איז דיין גלויבן געוואָרן?

בנימין: (הייס) קיניג! ווי ס'איז וואָר, אַז ס'איז פאַראַן אַ גאָט אין הימל, דער באַרעמהאַרציקער, געטרעטער בורא עולם, אַזוי איז וואָר, אַז אונדזער קיניג, אונדזער דערלייזער — איז שבתי צבי, זאָל דיין נאָמען זיין געבענטשט אויף אַלע אייביקייטן! איך גלויב אין דעם! איך גלויב! איך גלויב! (ער שלאָגט זיך נויטן פויסט אין האַרצן) אָבער (ער רייסט זיך אויף, ווילד) הייס מיך פאַרשטיינען, האַר מיינער, הייס מיך דערוואַרגן, אויב אַזאַ איז דיין פאַרלאַנג, הייס מיר אָנטאָן

אַלע פיר טויטן — איך קאָן נישט מער! איך גלויב, אָבער כ'האָב נישט מער קיי רו! איך גלויב, אָבער דער שלאָף קומט נישט מער אויף מיינע אויגן! איך גלויב, אָבער מיין האַרץ איז געוואָרן ווי אַ פלאַטערדי־קער פויגל! עד מתי?! ווי לאַנג נאָך, האַר מיינער?!

שבתי: ווי לאַנג?!

בנימין: קיניג אונדזערער, דערלייזער! אַ טאָל מיט אויכגעטריקנטע ביינער האָסטו אין אַ פאָלק פאַר־וואַנדלט און אָנגעשפּאַנט דאָס פאָלק ווי אַ בויגן, מיט לייב־און־לעבן, ביזן לעצטן אָטעם, אין דורשט נאָך גאולה! ווער קאָן דען פון אַזאַ מעכטיקן בויגן די פייל פאַרהאַלטן?!

שלמה: (וואָס איז געהאַט אַריינגעקומען, בעת בנימינס לעצטע רייד) נישטאָ אַזאַ כוח אויף דער וועלט, בנימין!

בנימין: אמת, נישטאָ אַזאַ כוח! אָבער — פון דעם אָנגעשטאָלטן בויגן מוז די פייל אַרויס און זיך לאָזן אין איר פלי! אויב נישט, קאָן, חלילה, דער בויגן ווערן אויסגעשפּאַנט און אויסגעשטאָלט.

שלמה: משיח איז די געטלעכע פייל!

בנימין: קיניג, ביז ווען וועלן מיר נאָך אַזוי וואַנ־דערן און וואָגלען?! פון סמירנע קיין ירושלים, פון ירושלים קיין סאַלאָניקי, פון סאַלאָניקי קיין איסטאַמ־בול, פון איסטאַמבול קיין קאַירא דמצרים, דערנאָך ווי־דער אין ירושלים און ווידער אין סמירנע און איצט אין אָט־דער תפיסה פון מגדל־עוז! ווי לאַנג נאָך, האַר מיינער?! האָסט געהערט?! אונדזערע ברידער, פון אַלע עקן וועלט, שרייען אַרויף צו דיין טראָן: עד מתי?! דיין וואָרט, דייך וואָרט בעטן ווי, דערלייזער! זיינען מיר דען ווי דער דור המדבר, וואָס דאַרף פערציק יאָר וואָגלען, כדי אין די וויסטעניש אומצוקומען?!

שלמה: בנימין, וואו איז דיין אמונה, בנימין?!

בנימין: און רצון?! וואו איז דיין רצון, שלמה?! וואָס האָבן דען געטאָן אונדזערע עלטערן און אורעל־טערן?! וואָס האָבן דען געטאָן די גורי האר"י פון צפת?! מיט זייער רצון האָבן זיי געשטויסן צום קץ! זיי האָבן אַ געראַנגל געפירט! די מלחמה פון גאָט!

שלמה: די מלחמה פון גאָט איז אַ שטרייט פאַר געטלעכקייט אויף דער ערד!

בנימין: דער בורא עולם האָט דעם מענטשן לויט זיין געשטאַלט באַשאַפן! די מלחמה פון גאָט איז אַ מלחמה פאַר מענטשלעכקייט אויף דער ערד!

שלמה: כביכול שטרייט אויס דעם שטרייט — דורך זיין מלך המשיח!

בנימין: דעם גורל פון דער וועלט האָט כביכול דעם מענטשן אין האַנט געגעבן! פונקט ווי אין יעדן בן־אָדם איז דאָ אַ ניצוץ פון באַשעפער, איז אין יעדערן אַ פונק פון דערלייזער פאַראַן!

שלמה: (שאַרף) לעסטערונג! דו לעסטערסט דעם נאָמען פון גואל!

שבתי: (שוואַך) קינדער מיינע, גייט אין פרידן... גייט אין פרידן...

(אַן איין וואָרט, פאַרנויגן זיך בידע; שלמה גייט צום אַרויסגאַנג, בנימין נאָך אים; שוין ביי דער טיר, דרייט זיך בנימין אויס.)

בנימין: קיניג! (ער טראַכט אַ ווײַלע) קאָן איך דיין ברכה בעטן אויך — אויף צו ציען אין וועג?

שבתי: ווילסט אין וועג ציען? (בנימין שווייגט) וואוהין, בנימין?

בנימין: כ'ווייס נישט, מיין האַר. ס'האָט זיך מיר פאַרבענקט נאָכן וואַנדער־שטויב, נאָך מענטשן...

סאַראַ: (שאַרף) ווּעסט נישט האָבן די ברכה פון אונדזער האַר! פאַרדינסט קיין ברכה נישט! ביסט אַ רשע, בנימין!

בנימין: (לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ) אָ, מלכה!

**שבתי:** מיר וועלן מאַרגן זען, זון מיינער... גיי!

(בנימין פאַרנויגט זיך טיפער, גייט אַרויס; שלמה נאָך אים; פויזע; שבתי שטייט איינגעבויגן אונטער דער תפיסה־ברעט; פלוצלינג גיט ער זיך אַ וואקל.)

**סאַראַ:** (כאַפּט אים אונטער) האַר מיינער, אַזוי שווער דריקט דיר היינט די תפיסה־ברעט?!

**שבתי:** (שטיל) נישט דעם גוף איז שווער, נייערט דער נשמה...

**סאַראַ:** (שטעלט זיך פאַר אים אויף די קני; הייס) האַר מיינער! משיח! דערלייזער! ס'איז שוין נים ווייט דער טאָג! שוין נים ווייט!

**שבתי:** (האַלט פאַרמאַכט די אויגן, פליסטערט) אַ, שוועסטער מיינע, מעליסעלדאַ, מיין געליבטע! קום צו מיינע ברוסטן, הירשין מיינע! צו די ברוסטן פון דיין הירש! שוועסטער מיינע, שוועסטער מיינע, מע־ליסעלדאַ!

(דאָס ליכט גייט לאַנגזאַם אויס)

## בילד דריי

(דאָס זעלבע צימער, ווי אין פאַריקן בילד. אַ טאָג שפּעטער. שבתי און סאַראַ. שבתי זיצט אָנגעלענט.)

שבתי: סאַראַ, מאַך טונקעלער דאָס ליכט! (זי פאָלגט) זאָג די שפּילער, זיי זאָלן שפּילן אַ טרויעריקן ניגון! (זי הויבט אויף אַ פאָרהאַנג, מאַכט אַ צייכן הינטער זער בינע; ס'גייט אויף אַ שטילע מוזיק) ווי מתיקותדיק! (ער ברומט אַ ווײַלע דעם ניגון, מיט גרויס געניס) אַ באַלזאַם פאַר מײַן האַרץ, וואָס איז טרויעריק, פאַר מײַן געמיט, וואָס איז שווערער נאָך ווי בלײַ. (פּויזע, די מוזיק שפּילט שטיל, שבתי רעדט פאַמעלעך, אין רעטשיטאַטיוו):

קער זיך צו מיר, גאָט, און לײַטזעליק מיך
גיב דײַן שטאַרקייט צו דײַן קנעכט
און העלף דעם זון פון דײַן דינסט
און מאַך מיר אַ צייכן צום גוטן
אַ צייכן צום גוטן... (פּויזע)

בנימין איז אַלץ נאָך נישטאָ צוריק?

סאַראַ: ניין, מײַן האַר.

שבתי: האָט ער נישט אָנגעזאָגט, ער וועט זיך אומקערן פאַר זון־פאַרגאַנג?

סאַראַ: אַזוי האָט ער באַפוילן. באַגינען גלײַך, קוים אַ שפּראָץ אויף טאָג, אַוועקגעריטן. קיינעם נישט געזאָגט וואוהין.

שבתי: (שטילער) געדאַרפט אים נעכטן אָפּלאָזן אין פרידן און בענטשן אויפן וועג... (ער טראַכט אַ ווײַלע און ווײַזער, אין רעטשיטאַטיוו):

קער זיך צו מיר, גאָט, און לײַטזעליק מיך
און מאַך מיר אַ צייכן צום גוטן, צום גוטן. (פּויזע)

מיין וואָרט! מיין וואָרט בעטן זיי! דאָס פאָלק שטרעקט די אָרעמס צו מיר — נאָך מיין וואָרט!

סאַרא: דאָס פאָלק קושט אין ערפורכט דיינע טריט, מלך המשיח!

שבתי: וואָס פאַר אַ ממשות קאָן דען האָבן מיין וואָרט, אויב עס קומט נישט פון גאָט?! און דאָס וואָרט פון גאָט האָט זיך אָפּגעטאָן פון מיר. איך שטרעק די אָרעמס מיינע צום באַשעפער, נאָך באַשייד — און ס׳קומט נישט קיין באַשייד! איז וואו וועל איך אַנשפּאַר געפינען און פון וועמען וועט קומען די הילף?!

סאַרא: פון דעם וואָס אין הימל, מיין האַר!

שבתי: אפילו דער דור המדבר, פאַרמשפּט אויף אומקום אין די וויסטעניש, איז געפירט געוואָרן דורך דער האַנט פון גאָט. משה האָט געזען דעם וואָלקן־זייל בייטאָג און דעם פייער־זייל ביינאַכט און ער האָט געוואוסט, וואו צו ריכטן זיינע טריט. איך האָב נישט קיין זייל פאַר מיינע אויגן און זע קיין סימן נישט, און מיין האַרץ איז פול מיט ציטער און מיט פחד! (און מיט אַ געבראָכן קול) קער זיך צו מיר, גאָט, און לייט־זעליק מיך...

מרים: (באַווייזט זיך) בנימין איז געקומען.

שבתי: (פריידיק) הייס אים אַריינגיין, מרים!

סאַרא: זאָל אויך שלמה אַריין! (מרים פאַר־שווינדט) שוין ניט ווייט צו האַלבער נאַכט.

(ס׳קומט אַריין בנימין און, נאָך אים, שלמה)

שבתי: בנימין, זון מיינער!

בנימין: (גייט צו צו שבתין, פאַרנויגט זיך טיף) קיניג, זאָל דיין נאָמען זיין געבענטשט אויף אייביק! איך בעט מחילה פאַרן אָוועקגיין אינדערפרי, נאָך אייד־דער כ׳האָב דיין פּנים געזען. (פאַרנויגט זיך פאַר סאַ־ראַן) זיי באַגריסט, מלכה! (צו שבתין) מיין האַר, אַ וויכטיקער שליח איז געקומען.

סאַראַ: איצט?! אין שפּעטער נאַכט?!

בנימין: אין געהיימער און דרינגענדער שליחות! איך בעט דיך, נעם אויף, מיין האַר!

שבתי: זאָל ער אַריינגיין! (בנימין גייט אַרויס.)

שלמה: זעץ זיך אויף דיין טראָן, האַר מיינער! (שלמה און סאַראַ פירן צו שבתין צום טראָן; ער זעצט זיך אַוועק, סאַראַ נעבן אים.)

סאַראַ: מאַך ליכטיקער, שלמה! (שלמה פאָלגט.) (ס'קומט אַריין בנימין מיט אַ מאַן, איינגעהילט אין אַ לאַנגן מאַנטל, וואָס פאַרשטעלט אים אויך טיילווייז דאָס פּנים.)

בנימין: אַ שליח צו דיר, קיניג!

דער מאַן: (אויפהויבנדיק שטאָלץ דעם קאָפּ) גראַף אַלבערטאָ ווערנעדאַ, שליח פון אַלהעכסטן סע־נאַט פון דער מעכטיקער רעפּובליק פון ווענעדיג! (ער נעמט דאָס אַראָפּ זיין מאַנטל און בלייבט שטיין אין אַ פּרעכטיקן ווענעציאַנער טראַכט; ער פאַרנייגט זיך צעמישט פאַר שבתין, דערנאָך פאַר סאַראַן) איך בויג טיף די קני פאַרן קיניג פון די יידן! אויך פאַר דער קיניגין! דערלויב, מיין האַר, אין נאָמען פון סענאַט פון ווענעדיג און פון דער ווענעציאַנער רעפּובליק, דיר צו שענקען אָט־די באַשיידענע מתנה. (ער עפנט־אויף אַ צירונג־שאַכטל, טראָגט זי אונטער פריער סאַראַן, דערנאָך שבתין און שטעלט זי אַוועק ביים טראָן.)

שבתי: אַ דאַנק, גראַף ווערנעדאַ. זיי געגריסט!

ווערנעדאַ: כ'וועל זיין אָפנהאַרציק, מיין האַר. בעת קיין ווענעדיג זיינען דערגאַנגען די ערשטע קלאַנ־גען וועגן אַ יידישן קיניג און וועגן דער שנעלער אויפ־ריכטונג פון דיין פאָלק אין הייליקן לאַנד, האָט קיינער אין דעם נישט געגלויבט. מער נאָך — כ'בין זיך מודה און בעט מחילה פאַר מיין אָפנהאַרציקייט — מ'האָט דערפון געשפּאַסט און חוזק געטריבן. איצט אָבער זיינען די חוזק־טרייבער געוואָרן אַנטשוויגן. אַלע בויגן דעם קאָפּ פאַר דעם גרויסן וואונדער, וואָס גאָט האָט

געטאָן מיט זיין פאָלק. גלייכצייטיק דערמאָנט מען, אַז דאָס האָט דאָך אייגנטלעך אונדזער הייליקע עוואַנגעליע פאָראויסגעזאָגט: אינעם יאָר 1666 פון געבורט פון אונדזער האַר יעזוס כריסטוס וועט ווערן אויפגעריכט די יידישע מלוכה. דאָס יאָר 1666 איז געקומען, די נבואה ווערט פאַרווירקלעכט. האָסטו געהערט די ידיעה וועגן ענגלאַנד, מיין האַר?

שבתי: וועגן ענגלאַנד?

ווערנעדאַ: אונדזער געזאַנדטער האָט אונדז מודיע געווען פון לאָנדאָן: מיט עטלעכע חדשים צוריק האָט זיך צו די צפון־ברעגעס פון שקאָטלאַנד דערנעענטערט אַן אויסטערלישע שיף. אירע זעגל און שטריק זיינען געווען פון בלויען זיידנס, איר מאַנשאַפט האָט גערעדט בלויז די שפּראַך פון דער ביבל. אויף דער פאַן, פון טיפן תכלת, איז געווען אַן אויפשריפט: די צוועלף שבטים פון ישראל. און דאָס איז נישט אַלץ, מיין האַר!

שלמה: (מיט אַ לויכטנדיקן בליק) די נסים פון גאָט זיינען אומצייליבאַר!

ווערנעדאַ: די ענגלישע קאָנסולן באַריכטן פון מעדינאַ: פון די ווייטסטע טיילן פון אַראַבישן האַלבאינדזל האָבן זיך געלאָזט ציען קיין מערב אומגעזעענע מחנות מענטשן — די צען מיט אַ האַלבע פאַרלוירענע שבטים פון דיין פאָלק!

שבתי: כ'בין דיר דאַנקבאַר, גראַף ווערנעדאַ, פאַר די ידיעות, וואָס דערפרייען אונדזער האַרץ.

ווערנעדאַ: מיין האַר, דו ווייסט זיכער, אַז די ווענעציאַנער רעפּובליק פירט איצט מלחמה קעגן דער אָטאָמאַנישער מדינה.

שבתי: איך ווייס עס.

ווערנעדאַ: טערקיי איז באַפאַלן דעם אינדזל קרעטן־לאַנד. דער גרויס־וויזיר ווערקאָלו, מיט די

בעסטע יאַניטשאַרן־פּאָלקן, באַלאַגערן די פעסטונג קאַנ־די. אָבער מיר זײַנען נישט אַלײן. דאָס גאַנצע קריסטנ־טום שטײט הינטער דעם כּוח און רום פון דער מעכ־טיקער װענעציאַנער רעפּובליק.

שבתי: דער שם פון װענעדיג איז גרױס אין דער װעלט.

װערנעדאַ: קיניג, איך בין געקומען פאַרלײגן דיר, אין נאָמען פון װענעדיג — אַ פרײַנדשאַפט־בונד!

שבתי: (װערשטױנט) אַ פרײַנדשאַפט־בונד?!

שלמה: מיט אונדז?!

װערנעדאַ: (צו שלמהן) מיט אײַך! (צו שבתין) מיט דיר, מײַן האַר! אָ, איר װאונדערט זיך! איך פאַר־שטײ אײַך. צװישן דער הײליקער קירך און די אַלט־גלויביקע ברידער פון יעזוס כריסטוס איז אַ סך בלוט געװאָרן פאַרגאָסן. אָבער הײַנט איז דאָך יאָר 1666! דאָס יאָר פון אײַער דערלײזונג! די װענעציאַנער רע־פּובליק איז גרײט אײַך צו העלפן.

שבתי: העלפן — מיט װאָס?!

װערנעדאַ: מײַן האַר, כ'בעט נאָך אַמאָל: זײַ מוחל מײַן אָפנהאַרציקײט. נישט קײן דיפּלאָמאַט בין איך, נאָר אַ שלאַכטמאַן. ס'איז מיר אומבאַקאַנט די קונסט פון פאַרשטעלטע רײד און רמזים. דו ביסט קי־ניג, ייִדישער קיניג, און װאונדערלעך איז דער נס, װאָס איז צו אײַך געשען. אָבער, פאַרצײַ מײַן גע־װאַגטקײט, האַר: װאו שטײט איצט דײַן טראָן, ייִדי־שער קיניג?! אין אַ תּפיסה, אין אַ פעסטונג, װאָס איז דורך טערקישע זעלנער באַװאַכט!

סאַראַ: איז עס דען דאָס ערשטע מאָל, װען אַ קיניג גײט פון געפענגעניש צו רום?!

װערנעדאַ: זיכער ניט, מלכּה! (צו שבתין) אָבער דײַן קרױן, ייִדישער קיניג, װאו איז איצטער דײַן קרױן?! אויפן קאָפּ פון מעהמעד דעם פערטן!

שלמה: ער וועט זי אַליין, מיט די אייגענע הענט, אויפן קאָפּ פון אונדזער האַר אַרויפפליגן!

ווערנעדאַ: האָסט אַ טעות, מיין האַר. (צו שבתין) און דיין לאַנד, יידישער קיניג, ביי וועמען שטייט איצט דיין לאַנד?! די יאַניטשאַרן טוען עס אונטערדריקן און צו אומברחמנותדיקע קאַדיס מוז עס האַראַטש צאָלן!

שלמה: דער סולטאַן גופא וועט דאָס לאַנד הייסן באַפרייען, — כדי ס'זאָל מקוים ווערן די נבואה!

ווערנעדאַ: (צו שלמהן) דו, מיין האַר, קענסט געוויס בעסער פאַר מיר די נבואה, אָבער איך, איך קען דעם סולטאַן. (צו שבתין) קיניג, עס רעדט צו דיר אַ מאַן, וואָס האָט לאַנגע יאָרן געלעבט ביים אָטאָמאַנישן הויף, סיי אין קושטאַ, סיי אין אַנדרינאָפּאָל, אין פאַר־שייד־ענע שליחותן פון ווענעדיג! איך קען דעם סול־טאַן מעהמעד, איך קען דעם גרויס־וויזיר ווערקאָלו, איך קען דעם קאַימאַקאַס מוסטאַפאַ פּאַשאַ, איך קען דעם גרויס־מופטי וואַני־עפענדי! קאָנסט האָבן צו־טרוי צו מיין דערפאַרונג. דער טערק איז גייציק און בלוטדורשטיק. דאָס גאַנצע גאָלד פון דיינע ברידער וועט נישט גענוג זיין צו אויסקויפן דאָס לאַנד. איין פּרייז אָנערקענט די אָטאָמאַנישע פּאָרטע — פייער!

שבתי: (פאַמעלעך) פייער?!

ווערנעדאַ: געווער! בלויז געווער ברענגט אָנט־שיידונג פון גורל! מיין האַר, קיינמאָל איז די שעה נית געווען פאַר דיר אַזוי גינסטיק, ווי איצט! די בעסטע אָטאָמאַנישע חיילות זיינען אין קרעטן־לאַנד, ביי קאַנדי. די גאַרניזאָנען אין טערקיי שטייען האַלב־פּוסט, די פעסטונגען פאַרלאָזן, די גרענעצן, פון אַלע זייטן, זיי־נען כמעט אומבאַשיצט. נישט לאַנג האָט דער גובער־נאַטאָר פון באַלבאַראַ, ביי אַרמעניען, אויפגעהויבן אַ מרידה מיט קוים טעלעכע טויזנט זעלנער. די פּאָרטע איז נישט ביכולת געווען אפילו אים צו באַשטראָפן.

ס'וועט דיר געגוג זיין בלויז אויסשטרעקן דיין האַנט, כדי דיין קרוין צו נעמען!

סאַראַ: אויסשטרעקן די האַנט?!

ווערנעדאַ: יאַ, מלכה. (צו שבתין) הויב אויף די יידן פון טערקיי, מיין האַר! אין סאַלאַניקי זייט איר איז איבערוועגנדיקער מערהייט, אויך אין סמירנע אַזוי, און גרויס איז אייער צאָל אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דאָס גאַנצע לאַנד ווייסט, אַז די יידן דיינען באַוואָפנט. די מוסולמענער, אין קושטאַ, וואַגן לעצטנס נישט אַרויס־צוגיין אין גאַס. טאָמער פּעלט אייך כלי־זיין, דיינען אונדזערע שפּייכלערס אין סמירנע און אַלעפּאָ פול.

שלמה: איז עס נישט אַלץ אַמאָל — כדי דער גרויס־וויזיר זאָל אָפּשיקן קיין טערקיי אַ טייל חיילות און אָראָפּנעמען די באַלאַגערונג פון קאַנדי?!

ווערנעדאַ: (מיט אַ שמייכל) נישט בלויז, מיין האַר! נאַטירלעך, אַ פריינדשאַפט־בונד דאַרף קאָנען נוצן ברענגען ביידע צדדים. אָבער (צו שבתין) נאָך אײדער דער גרויס־וויזיר וועט באַוויזן אָפּצושיקן פון קרעטן־אינדזל עטלעכע יאַניטשאַרן־פּאָלקן, וועט איר האָבן דערגרייכט שוין די טויערן פון ירושלים און דער סולטאַן וועט צוזאַמענעמען פאַר דיר, מיין האַר, דאָס לאַנד פון דיינע אָבות.

שלמה: און טאָמער נישט?

ווערנעדאַ: וועט איר מלחמה האַלטן און וועט זיגן! וועגנדיק וועט שטיין ביי אייער זייט! סיי ווי, ווי לאַנג די באַלאַגערונג פון קאַנדי זאָל ניט דויערן און ווי בלוטיק די שלאַכטן זאָלן נישט זיין, וועלן מיר דאָס קרעטן־לאַנד צום סולטאַן ניט אָפּגעבן! דאָס איז אַן אַלט קריסטלעך לאַנד און דער אַנקער פאַר אונדזער גאַנצן מסחר. וואָס גייט קיין לעוואַנט. האַר מיינער, דער בונד איז אַן ערלעכער, אַן אויפריכטיקער, מיט נוצן גלייכע, קעגנזייטיקע. איך האָף, וועסט געבן דיין

**הסכמה.** (ער פֿאַרנויגט זיך) **ווי אַזוי דיין תשובה אי־בערגעבן, ווייסט אַט־דער מאַן.** (ער ווייזט אויף בנימינען, פֿאַרנויגט זיך נאָך אַמאָל, טוט אָן זיין מאַנטל און גייט אַרויס.)

**בנימין:** (צו שבתין) **האַר מיינער, קיניג — אַט־דעם שליח האָט גאָט געשיקט צו דיר!**

**שלמה:** (ווילד) **חלול השם!**

**בנימין: האַר מיינער, עס שטייט געשריבן: און משיח בן יוסף וועט פֿאַלן ביי די טויערן פֿון ירושלים. פֿאַלן — וואָס מיינט עס? אין שלאַכט! הייסט עס, ס'דאַרף זיין אַ שלאַכט! קיניג, הויב אויף דיין פֿאָלק צום שלאַכט! לאָז מקוים ווערן די נבואה! דו, משיח בן דוד, געבענטשט זאָל זיין דיין נאָמען, דו וועסט אַריינרייטן אין ירושלים אויף אַ לייב, אָדער גאָר אויף אַן אייזעלע אַ קליינעם, אין חדווה און אין פֿרייד! אָבער פֿריער מוז משיח בן יוסף פֿאַלן פֿאַר די טויערן פֿון ירושלים!**

**סאַראַ:** (מיט שנאה) **ווער איז משיח בן יוסף?! ווער?! זאָג!**

**שלמה: ער איז געקומען שוין לאַנג. אין מלכות פּוילן, בעתן גרויסן חורבן. באַוויזן זיך און אומגעקו־מען, ווי אַ קדוש.**

**בנימין: נישט אמת! ביי די טויערן פֿון ירושלים דאַרף ער פֿאַלן!** (און ליידנשאַפֿטלעך) **קיניג, פֿיר דיין פֿאָלק אין שלאַכט, מיט די אומות העולם ביי דער זייט! ווער דער האַר פֿון מלחמה, דערלייזער אונדזערער, און זאָל אויף דיך פֿאַן זיין אויפֿגעשריבן: די מלחמה פֿון גאָט!**

**שבתי:** (מיט ציטער אין קול) **דער האַר פֿון מלחמה?!**

**שלמה:** (ליידנשאַפֿטלעך) **קיניג, עס שטייט געשריבן: ניט מיט שווערד און ניט מיט שפּיז! גואל,**

אונדזערע אַלע וועלטן זײַנען איצט מיט הײליקן ציטער אַרומגענומען! עס דערנעענטערט זיך דער גרױסער תיקון — נישט בלױז פֿאַר אונדזער שטאַם אַלײן, נײַערט פֿאַר אַלץ, וואָס לעבט! אַלץ וועט ווידער ווערן גאַנץ און שלמותדיק ווי פֿאַרן צעבראָכן די געטלעכע כּלים! ער אָבער (ווײַזט אויף בנימינען), ער איז ווי אַט־דער קריסטלענער גראַף פֿון ווענעדיג, וואָס וויל אַן אײנדזל דערלײזן — פֿאַרן מסחר קײן לעוואַנט! געוויס, פֿאַר מסחר קאָן פֿייל־און־פֿאַנצער געגנוג זײַן! אָבער — פֿאַר דער דערלײזונג פֿון מענטשן?! קאָן דען אַ שווערד גאַנץ מאַכן אַ צעריסענע נשמה?! קאָן מען דען מיט אַ שפּיז אָפּווישן די טרערן פֿון דער וועלט?! האַר מײַנער, וואָס האָבן מיר צו טאָן מיט ווענעדיג?! זײער ממשלה איז בלוט און מיר האַסן בלוט! מיר דורשטן נאָך רוממים און קדושה!

**שבתי:** (חזרט) מיר האַסן בלוט... מיר האַסן בלוט...

**בנימין:** קיניג! די וועלט איז געבליבן שטײן פֿאַר דער שוועל פֿון גאולה! מען מוז די שוועל אַריבערטרעטן! האַר מײַנער, פֿאָטער מײַנער! (ער פֿאַלט אים צו די פֿיס) איז אפֿשר אויך פֿאַר גאולה פֿאַראַן אַ שעת־הכּושר?! אפֿשר האָט די שעה אויסגעשלאָגן דאָ, אַט איצט?! און אפֿשר, חלילה, קאָן מען אויך אַ גאולה־שעה פֿאַרזען?!

**שבתי:** (אַלץ מער און מער דערשיטערט) אַ שעת־הכּושר פֿאַר גאולה?! די גאולה־שעה פֿאַרזען?!

**שלמה:** (הײס) אמונה! אמונה, קיניג! גאָט וועט פֿירן דײַן האַנט!

**בנימין:** האַר מײַנער, אמונה, געוויס — אָבער נישט לײַטזעליקײט, נישט רו! ברענענדיקער דורשט! געראַנגל! אפֿילו משיח טאָר די גאולה נישט פֿאַרהאַלטן!

**שלמה:** כופר! מורד במלכות!

**שבתי:** (פליסטערט) בנימין... זון מיינער... דו גלויבסט — איך פאַרהאַלט די גאולה?!

**פאַרא:** (מיט שנאה) רשע! רשע!

**בנימין:** (מיט טרערן) האַר מיינער...

**שבתי:** (שטיל) רבונו של עולם! פיר מיך! לערן מיך! וויז מיר דיין זייל — אַ וואָלקן־זייל בייטאָג, אַ פייער־זייל ביינאַכט! פּאַטער אין הימל! (פּויזע).

(ס׳הייבט זיך פלוצלינג אויף אַ פאַרהאַנג־טיר און ס׳לויפט אַר״ין אַ מאַן.)

**דער מאַן:** (מיט שמחה) קיניג! אַ שליח איז געקומען צו רייטן! דער סולטאַן — דער סולטאַן רופט דיך אין זיין הויף!

**שבתי:** (קוים גלויבנדיק) דער סולטאַן?!

**שלמה:** (מיט טריאומף) דער סולטאַן!

**פאַר״א:** גאָט! דער נס! דער גרויסער נס!

**שבתי:** (זיין פּנים צעשטראַלט זיך) דיין פייער־זייל, גאָט!

**שלמה:** משיח, דערלייזער אונדזערער! דאָס וואָס איז פאַרזאָגט, ווערט מקוים! אַלע קרוינען וועט דער סולטאַן דיר אָנטאָן אויף דיין קאָפּ!

**שבתי:** זעסט, בנימין — די טויב! ס׳האָט די טויב זיך אומגעקערט — מיט אַן אייל־בירט־בלאַט אין שנאָבל. אַ סימן, גאָטס גענאָד איז נאָענט. (צום מאַן) הייס די שפּילער, זיי זאָלן אַ לויב־געזאַנג שפּילן! (דער מאַן פאַרנייגט זיך, גייט אַרויס; די מוזיק הויבט תיכף אָן צו שפּילן פּייערלעך) אַ לויב־געזאַנג צו בורא־עולם!

(און אין רעטשיטאַטיוו, מיט דער מוזיק):

> למנצח, פאַר דעם געזאַנג־מייסטער, אַ מזמור,
> אַ געזאַנג,
> שאַלט צו גאָט, די גאַנצע ערד
> באַזינגט די פּראַכט פון זיין נאָמען,
> מאַכט פּראַכטיק זיין לויב,

גאָט איז מיין ליכט און מיין הילף,
פאַר וועמען זאָל איך מורא האָבן?
גאָט איז די פעסטונג פון מיין לעבן,
פאַר וועמען זאָל איך אַנגסטן?

(זינגענדיק אַזוי, גייט שבתי אַרויס. סאַראַ נאָך אים; די מוזיק שפּילט שטילער; פּויזע.)

שלמה: טו תשובה, בנימין! טו תשובה, כל זמן ס'איז ניט שפּעט! איצט זעסטו שוין אַליין, אונדזער לעבן מוז בלויז אמונה זיין! קיין שום אַנדער זאַך ווי אמונה! מען דאַרף גלויבן מיטן גאַנצן האַרצן, מיט דער גאַנצער נשמה, מיט אַלע רמ"ח אברים, תמיד, אומעטום! גלויבן — וואָס אונדזער האַר זאָל ניט זאָגן, וואָס ער זאָל ניט טאָן, וואָס ס'זאָל ניט געשען!

בנימין: (שטיל) אָבער, שלמה, פאַרוואָס...

שלמה: (ווייזט אים איבער) כ'וויל נישט וויסן פאַרוואָס! פאַרשאָלטן זאָל ווערן דער, וואָס האָט צום ערשטן מאָל געפרעגט: פאַרוואָס! (ער קוקט אים אָן אַ ווײַלע, שאַרף) דו טראַכסט: משיח בן־יוסף — דאָס ביסטו דו! (בנימין שווייגט) ענטפער!

בנימין: (שטיל) איך בין דער קנעכט פון אונדזער קיניג.

שלמה: ניין! דו פאַרשוועכסט דעם נאָמען זיינעם! די וועלט בענקט נאָך גאולה, נאָך ליבשאַפט, נאָך געטלעכער ליבשאַפט פון אַלץ, וואָס איז, צו אַלץ, וואָס איז! (און נאָך עקסטאַז) ווייל שטאַרק, ווי דער טויט איז די ליבשאַפט, אירע פלאַמען זיינען פלאַמען פייער, ווי אַ פלאַקער פון גאָט! (ער קוקט אים ווידער אָן, מיט אָפענער שנאה) דו אָבער, ביי דיר — ווייסטו, וואָס ביי דיר אין האַרצן איז?! האַרט ווי דער קבר די אייפערזוכט!

בנימין: שווייג!

שלמה: יאָ, האַרט ווי דער קבר די אייפערזוכט!

איך ווייס גוט, פאַרוואָס, איך ווייס גוט, אויף וועמען!

בנימין: (הויך) איך זאָג דיר — שווייג!

סאַראַ: (באווייזט זיך) שטילער! אַ זאנפטיקער שלאָף האָט אויף אונדזער האַר אַראָפּגעניהערט. זיין געזיכט איז נאַס פון טרערן. פלוצלינג האָט ער זיך צעשמייכלט און געזאָגט, אַז ער וויל, נאָכן אויפכאַפּן זיך, פייערן די מצווה פון אויסלעשן די ליכט. (צו שלמהן) גיי, מאַך גרייט אַלץ, וואָס נויטיק.

(שלמה פאַרגויגט זיך, גייט אַרויס; בנימין בלייבט שטיין מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.)

סאַראַ: בנימין, פאַרוואָס פייניקסטו אונדזער האַר?!

בנימין: (שטיל) איך, מלכה?! כ׳וואָלט דאָך מיט פרייד פאַר אים דאָס לעבן אָפּגעגעבן! (און נאָך שטילער) אויך פאַר דיר, מלכה!

סאַראַ: (שאַרף) אונדזער האַר דאַרף נישט דיין לעבן! און איך דאַרף עס געוויס נישט!

בנימין: טאָ יוער־זשע באַדאַרף עס, מלכה?! אַז מיר אַליין איז מיין לעבן נמאס ומאוס געוואָרן! אַז איך קאָן זיך קיין אָרט אויף דער וועלט נישט געפינען — ווייט פון מיין האַר, (און שטילער) ווייט פון דיר, מלכה. כ׳האָב געהאַט אַ פרוי, האָב איך זי געט׳גט. כ׳האָב געהאַט קינדער, האָב איך זיי פאַרגעסן. יאָרן שוין, ווי איך גיי נאָך, פוסטריט, נאָך מיין האַר. נאָך דיר, מלכה. (און מיט ווייטאָק) מלכה, פאַרוואָס ביסטו אַזוי גרויזאַם צו מיר?!

סאַראַ: פאַרוואָס שוואַכסטו אָפּ דעם אָרעם פון אונדזער האַר?!

בנימין: איך, מלכה?!

סאַראַ: דו! דו שוואַכסט אָפּ זיין אָרעם! איך שנאַרק אים און דו שוואַכסט אים אָפּ! אויך אַזוי איז זיין אָרעם נישט מעכטיק, — אָבער מוז דען דווקא משיח

אַ מעכטיקער זיין?! קאָן ער דען ניט, קאַפּויער, אויפקומען פון די וואַקסטע צווישן שוואַכע?! אַבי זיין האַרץ זאָל זיין הייס און פאַרבלוטיקט. אָבער דו, דו לעשסט דעם פלאַם פון זיין האַרץ! איך צעבלאָז אים און דו לעשסט אים כסדר. ביסט אַ רשע, בנימין! עס קומט דיר טויטן.

בנימין: (ליידנשאַפטלעך) טויט מיך, מלכה! (צעעפנט זיין ברוסט) טויט מיך! דער טויט פון דיינע הענט וועט פאַר מיר אַן אויסלייזונג זיין! (סאַראַ שווייגט; ער פליסטערט הייס) מלכה, באַלד וועט מען פייערן די מצווה פון אויסלעשן די ליכט. זאָל איך זיך צו דיר דערנעענטערן?

סאַראַ: (שאַרף) ניין!

בנימין: פאַרוואָס ניין?! פאַרוואָס?! פאַרוואָס?! בין איך דען אַ קריפּל?! בין איך אַ קרעציקער?! זע, מיין לייב איז בלאַנקענדיק! מיין בלוט איז ריין און הייס! איך בין שענער פאַר שלמהן! אָבער ער געפעלט דיר בעסער! יעדער איינער געפעלט דיר בעסער! פאַרוואָס?! (זי שווייגט) באַלד וועלן ווערן אויסגעלאָשן די ליכט. אַלע שלייערס וועלן אַראָפּפאַלן. אַלץ, וואָס איז פאַרהוילן אונטער זייד און סאַמעט, וועט אַנטפּלעקט. אין דער פינצטערניש לויכט דיין נאַקעט לייב ווי די וואונדערלעכסטע איידלשטיינער. די רובינען אויף דיין האַלדז הייבן ווי אַ וואונד, וואָס בלוטיקט. אין דער פינצטערניש זיינען אַלע אויגן ווי הבדלות ברענענדיקע, אָבער דו ביסט ווי אַ שייטערהויפן. וואָס פלאַקערט! מלכה, זאָל איך זיך היינט צו דיר דערנעענטערן?

סאַראַ: ניין! נישט היינט און נישט קיינמאָל! וועסט אַן אַנדערע זיך אויסוויילן!

בנימין: נישט קיין אַנדערע! דיך באַגער איך! צו דיר גלוסט מיין גוף און מיין נשמה! בלויז צו דיר! פאַרוואָס שטויסטו מיך אָפּ!! זאָג! פאַר אַלע אַנ־

דערע זיינען דיינע ליפּן אָפּן, ווי אַ לעבעדיקער קוואַל!
סאַראַ: צו שטילן דעם דורשט פון פאַר־שמאַכטע...
בנימין: אָבער איך בין פאַרשמאַכט, מלכה! אַלע מיינע אברים זיינען פאַרשמאַכט פון ברענענדיקן דורשט — נאָך דיר! פאַרוואָס איז פאַר מיר בלויז פאַרטריקנט דער קוואַל?! פאַר אַלע אַנדערע זיינען דיינע ברוסטן ווי אַ רחמימדיקער מקום־מקלט!
סאַראַ: פאַר יעדן מידן וואַנדערער, פאַר יעדן וואַגלער, וואָס זוכט דעם קאָפּ אָנצולענען...
בנימין: אָבער איך בין מיד פון וואַגלעניש, מלכה! מיין נשמה ווערט צעריסן פון אומרו! פאַר־וואָס זאָל איך בלויז קיין מנוחה ביי דיר נישט געפי־נען?! האָסטו גאָרנישט קיין מיטלייד מיט מיר?!
סאַראַ: ניין! איך האָב נישט קיין מיטלייד מיט דיר!
בנימין: פאַרוואָס, מלכה?! זאָג, פאַרוואָס!
סאַראַ: אַז איך פאַרמאַך די אויגן, זע איך שטענ־דיק — בלוט... און אַז עס גייט פאַרביי אַ מענטש, פיל איך: דאָס בלוט פונעם מענטשן איז אָדער אונז, וואָס ווערט פאַרגאָסן, אָדער אַזאַ, וואָס פאַרגיסט. איך דערשפיר דעם ריח אפילו — בלוט פון קרבן, אָדער בלוט פון תלין... מיר זיינען אַלע קרבנות!
בנימין: און איך?!
סאַראַ: דו נישט. דו ביסט נישט קיין קרבן.
בנימין: האָב איך בלוט פאַרגאָסן?!
סאַראַ: דו קאָנסט בלוט פאַרגיסן.
בנימין: מיין אייגן בלוט!
סאַראַ: ניין! דאַן וואָלסטו אַ קרבן געווען.
בנימין: מלכה, אפשר אין אַ פריערדיקן גלגול איז מיין האַנט מיט בלוט געווען באַפלעקט. האָב רחמנות אויף מיר!
סאַראַ: איך קאָן נישט! פון זינט איך האָב גע־

זען, ווי מען האָט מיין טאַטע־מאַמע געשאָכטן — קאָן איך נישט! אין מיינע וואַנדער־יאָרן, איבער פּוילן, דייטשלאַנד, האָלאַנד, איטאַליע, בין איך אַ גאַסן־פרוי געווען. כ'האָב געוואוסט, אַז איך בין די באַשערטע פון משיח און כ'דאַרף, איך דאַרף, אַ גאַסן־פרוי זיין. אַז ס'איז צו מיר אַ מאַן געקומען און האָט געגלוסט מיין לייב און כ'האָב געשפּירט — זיין בלוט איז בלוט פון קרבן, האָב איך אים מיין לייב מיט פרייד געגעבן, אפילו אָן באַצאָלט. אָבער אויב אַ מאַן האָט מיך גע־גלוסט, און זיין בלוט איז געווען פון הענקער, איז מיין לייב געווען פאַר אים פאַרשלאָסן. די גרעסטע אוצרות, די טייערסטע פּאַלאַצן האָבן עס ניט אויפשליסן געקאָנט. ס'פלעגט טרעפן, מ'פלעגט מיך שלאָגן ביז בלוט, אין תפיסה וואַרפן, פון שטעט פאַרטרייבן — איך האָב קיינמאָל נישט נאָכגעגעבן!

**בנימין:** מיר וועסטו נאָכגעבן!

**סאַראַ:** ניין!

**בנימין:** (מיט שנאה) וועסט נאָכגעבן! נישט בלויז אין דיינע וואַנדער־יאָרן, אויך איצט ביסטו אַ גאַסן־פרוי! אַן אויסגעלאַסענע! אַ זונה! דיינע קני זיינען ווי אַ טויער, אָפן פאַר יעדן דורכגייער!

**סאַראַ:** (אויך שנאהדיק) פאַר דיר אָבער — גע־שלאָסן אויף זיבן שלעסער!

**בנימין:** כ'וועל די שלעסער אויפברעכן! כ'וועל איינגאַנצן דיך צעברעכן! (כאַפּט זי אָן ווילד.)

**סאַראַ:** (שטיל) וועסט בלוט פאַרגיסן... כ'האָב געוואוסט...

**בנימין:** (ציט זיך האַסטיק צוריק) זיי מיר מוחל! זיי מוחל, מלכה! (פאַלט צו איר פיס, קושט איר קלייד) איך בין נישט ביים זינען מער! האָסט מיך אַראָפּגע־פירט פון זינען! איך האָב פאַרדינט, מען זאָל מיך טויטן...

**סאַראַ:** האָסט געזאָגט: איך בין נאָך איצטער

אויך אַ זונה...

בנימין: ניין! זײַ מיר מוחל!

סאַראַ: שווייג! האָסט עס געזאָגט! אַזוי טראַכטסטו!

בנימין: נאָך קיינמאָל, אויף גאָטס ערד, האָט קיינער אַזוי נישט ליב געהאַט אַ פרוי, ווי איך האָב דיך ליב!

סאַראַ: פאַר יעדערן, אויך פאַר די, וואָס האָבן מיין לייב דערקענט, בין איך די באַשערטע פון משיח! אַז מען באַרירט מיך, איז עס אין העכסטער הייליקייט. פאַר דיר בין איך אַן אויסגעלאַסענע. דו גלויבסט נישט, אַז פון אַלע אייביקייטן אָן, בין איך פאַר אַ באַשערטע צו משיח דערוויילט. דו גלויבסט נישט!

בנימין: איך גלויב...

סאַראַ: ניין!

בנימין: איך שווער דיר!

סאַראַ: נידערטרעכטיקער! דו שווערסט פאַלש!

בנימין: (כסדר שוואַכער) איך גלויב... איך גלויב...

סאַראַ: הויב אויף דעם קאָפּ! קוק מיר אין די אויגן! זאָגסט ליגן! דו גלויבסט נישט! זײַ מודה!

בנימין: (נאָך אַ ווײַלע שווייגן, שטיל) ניין, איך גלויב נישט...

סאַראַ: כ׳האָב עס געוואוסט.

בנימין: פאַר מיר ביסטו באַשערט!

סאַראַ: ניין! ווי די קלויסטער־פרויען בין איך! ווי די יונג־פרויען אין די קאַטוילישע פּראָצעסיעס — איך טראָג די הייליקע בילדער, איך טראָג די פאָן! פאַר די אויגן פון משיח טראָג איך זי! טאָג און נאַכט האַלט איך זי הויך אין דער האַנט, די פאָן פון דער מלחמה פון גאָט! פאַר משיח בין איך באַשערט!

בנימין: און אפשר בין איך דער, וואָס דאַרף פאַלן פאַר די טויערן פון ירושלים?

סאַראַ: דיין בלוט איז נישט פון די, וואָס ווערט פאַרגאָסן. אַ רשע ביסטו! דו גלויבסט נישט אין מיר! אויך אין אונדזער האַר, אין משיח, גלויבסטו נישט!

בנימין: (מיט פאַרצווייפלונג) איך גלויב, מלכה! איך גלויב אין אונדזער גואל!

כאַראַ: שוייג! איך ווייס! בנימין, באַלד וועט מען אויסלעשן די ליכט... הערסט, בנימין?!

בנימין: (פּליסטערט) מלכה... מלכה... (וויל זי אָננעמען פאַר דער האַנט.)

סאַראַ: ריר מיך ניט אָן! נישט איצטער! זאָג מיר — דעם אמת! דעם אמת! דו גלויבסט נישט, האַ? גלויבסט נישט מער?!

בנימין: מלכה... אין וואָס? אין וועמען?!

סאַראַ: אין אים! אין אונדזער דערלייזער! (בנימין שווייגט; זי שרייט אויס ווילד) ענטפער!

בנימין: (שטיל) וואָס פאַר־אַ ענטפער ווילסטו, מלכה?

סאַראַ: האָסט נישט מער די אמונה פון אַמאָל?!

(בנימין שווייגט) פאַרוואָס?!

בנימין: כ׳ווייס נישט. מיטן גאַנצן נפש מיינעם חך איך זי! איך טו נישט צו קיין אויג נעכט גאַנצע! איך פּייניק מיין גוף! איך טו תפילה! איך זוך די אמונה, אָבער קאָן זי נישט צוריק געפינען!

סאַראַ: כ׳האָב געוואוסט! רשע, רשע! קוק, איך פאַרמאַך די אויגן — איך זע דיין בלוט! איך שפּיר דעם ריח פון דיין בלוט! בלוט פון אַ רוצח! ווער ס׳האָט די אמונה פאַרלוירן, איז גלייך ווי ער וואָלט באַגאַנגען אַ רציחה! די גרעסטע, די ערגסטע רציחה — ווייל נישט קעגן מענטשן בלויז, נאָר קעגן גאָט! ווי צו די, וואָס זיינען אומגלויביק, אָבער צען מאָל ווי, טויזנט מאָל, צו די וואָס האָבן געגלויבט און דעם גלויבן פאַרלוירן! פאַרשאָלטן זיינען זיי — פון גאָט און פון דער וועלט!

בנימין: (שטיל) איך וואַרט אויפן וואונדער.. אויפן גרויסן נס... אפשר וועל איך דאַן צוריק די אמונה באַקומען...

כּאַרא: איז דען נישט גענוג פאַר דיר דער נס, וואָס דער סולטאַן האָט היינט — גראָד היינט! — געשיקט נאָך אונדזער האַר, כּדי אים אויף זיין טראָן צו זעצן, כּדי אַלע זיינע קרוינען אויף אונדזער האַרס קאָפּ אַרויפצולייגן?!

בנימין: מלכה! (ער פאַלט צו אירע פיס) דער סולטאַן האָט באַפוילן ברענגען צו זיך אונדזער האַר, ווייל דער היגער שעיך האָט אַ מסירה געשיקט און געבעטן, מען זאָל דעם האַר אונדזערן מיט טויט באַשטראָפן!

כּאַרא: (קוקט אים אָן אַ ווײַלע, שווייגנדיק) ווי צו די אומגליקלעכע! גאָט מאַכט זיי טויב, גאָט מאַכט זיי בלינד, גאָט נעמט צו ביי זיי זייער פאַרשטאַנד. באַנעמסטו דען נישט, אַז דער נעבעכדיקער היגער שעיך איז נישט מער ווי אַ געצייג אין די הענט פון גאָט?! כּדי אונדזער האַר זאָל פאַרן סולטאַן דערשיינען און אים באַצווינגען מיטן וואָרט פון גאָט און אים אונטערטעניק מאַכן?!

בנימין: אָבער, מלכה...

כּאַרא. גענוג, פאַרשאַלטענער! (פון הינטער דער בינע דערטראָגט זיך אַ געזאַנג) שטיי אויף! אונדזער האַר קומט! פאַרשווינד פון מיינע אויגן! דאָ איז נישט מער דיין אָרט!

בנימין: (הייבט זיך אויף; פאַמעלעך) ביסט גערעכט, מלכה. דאָ איז נישט מער מיין אָרט. איך דאַרף פאַרשווינדן. (ער גייט אַרויס.)

שבתי: (באַווייזט זיך; ער איז אינגאַנצן געענדערט, זיין פּנים שטראַלט) פאַרוואָס איז דאָ אַזוי טונקל?! און פאַרוואָס אַזוי שטיל?! וואָס טוען די שפּילער?

**כאַרא:** גלייך, מיין האַר. (זי הויבט אויף אַ פאָרהאַנג, מאַכט אַ צייכן הינטער דער בינע, צינדט אָן ליכט; עס קומען אַריין מענער און פרויען.)

**שבתי:** איך האָב אַ וואונדערלעכן חלום געהאַט! אַ געוואַלדיק גרויסער קעמל יאָגט זיך נאָך מיר און איך אַנטלויף פאַר אים אין טויט־שרעק. איך גיי אַריין אין אַ חדר און פאַרריגל די טיר. אויף דער ערד ליגט אַ מאַנטל, לייכט ווי אַ כוואַליע. איך הויב אויף דעם מאַנטל — און וואָס זע איך? אונטער אים איז אַ יונג־פרוי פון הימלישער שיינקייט! זי שטעלט זיך אויף און זאָגט: האָב נישט מורא פאַרן קעמל! און מיין גאַנצער פחד פאַרשווינדט. מיט איין מאָל פאַלט אַרויף אויף מיר די יונג־פרוי און האַלדזט מיך און קושט מיך און הויבט אָן וויינען. האָב איך מיט איר גרויס מיטלייד און זי גיט זיך מיר איבער, מיט איבערמענטשלעכער מתיקות. ערשט איך זע: דאָס איז מיין מלכה! און איך הער אַ בת־קול: אַט פון דער באַהעפטונג, אין קדושה פון אויסגעלאָשענע ליכט, ווערט דיר געבוירן ווערן אַ זכר, אַ יורש, וואָס וועט הערשן איבער דער גאַנצער וועלט! האָב איך זיך צעוויינט און אויפגעוואַכט.

**שלמה:** (וואָס איז געהאַט אַריינגעקומען, מיט אַנדערע צוגלייך) קיניג, אַלץ איז גרייט צו דער מצווה!

**שבתי:** לאָמיר־זשע, ברידער, טאָן דעם ווילן פון דעם, וואָס אין הימל! (און פייערלעך) שפּילט, שפּילער! אַ גרויסער נס איז היינט צו אונדז געטאָן געוואָרן! דער סולטאַן, דער סולטאַן רופט מיך צו זיין טראָן! טאַנצט, ברידער, טאַנצט, שוועסטער! אין שמחה און בצבור לאָמיר זיך מתייחד זיין מיט די גרויסע סודות פון וועלט־באַשאַף!

(מוזיק שפּילט אויף; אַלע לאָזן זיך אין טאַנץ, פריער געלאַסן, צניעותדיק, אָבער וואָס ווייטער אַלץ העפטיקער.)

**כאַרא:** (טאַנצנדיק) ערשטע ליכט! (אַ פרוי לעשט

אוים אַ ליכט) **צווייטע ליכט!** (דאָס זעלבע) **דריטע ליכט!** (דאָס זעלבע) **פערטע ליכט!** (טאַנצנדיק, הויבט זי אָן אַראָפּנעמען פון זיך די קליידער) **פינפטע ליכט! זעקסטע ליכט!** (די בינע בלייבט באַלויכטן בלויז מיט איין ליכט) קיניג, **גיב דיין ברכה צו דער מצווה פון אויסגעלאָשענע ליכט!**

(אַ מאַן לויפט פּלוצלינג אַריין, ער אָטעמט שווער און איז אינגאַנצן דערשיטערט.)

דער מאַן: **קיניג! קיניג!** (ער קאָן נישט ריידן מחמת גרויס דערשיטערונג.)

שלמה: **וואָס איז געשען?!**

דער מאַן: בנימין...

שלמה: **וואָס?!**

דער מאַן: **בנימין האָט אָנגעטאָן דעם גרינעם טורבאַן!... בנימין איז אַן אָפּטריניקער געוואָרן! בנימין איז אַנטלאָפן!**

(אַלע זיינען געבליבן שטיין, ווי פאַרגליווערט; די מוזיק האָט זיך איבערגעריסן.)

שבתי: **בנימין — דעם גרינעם טורבאַן?!**

סאַראַ: (הויך, באַפעלעריש) **קיניג, דיין ברכה! דיין ברכה צום אויסלעשן די ליכט!**

שבתי: (נאָך אַ ווײַלע צווייפלען, הייס) **ברוך, געבענטשט ביסטו, גאָט, אונדזער גאָט, וואָס דו דער־לויבסט היינט אַלץ, וואָס איז געווען פאַרבאָטן!**

סאַראַ: **אמן!**

שלמה: אמן! **זאָגט אמן, ברידער!**

אַלע: **אמן!**

(די מוזיק שפּילט ווידער; דער טאַנץ, אַ באַגייטער, ווערט אַלץ ווילדער.)

(מען פאַרלעשט די לעצטע ליכט.)

פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם

# צווייטער אַקט

## בילד איינס

(פאַרן פאָרהאַנג)

פיל מענטשן, יידן און ניט־יידן, מענער און פרויען. אַלע־מענס בליקן זיינען געווענדט אויף לינקס, הינטער דער בינע. מיטאַמאָל דערטראָגט זיך פון דאָרט אַ גערויש, וואָס ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. אויף דער בינע ווערט אַ באַוועגונג.

שטימען: — ער גייט!...

— דאָס איז ער!...

(מען פאַלט אויף די קני. מען ציט אויס די הענט, ווי אין אַ תפילה. אַנדערע בוקן זיך ביז צו דער ערד.)

שטימען: — משיח!...

— דערלייזער אונדזערער!

— גיב אונדז דיין ברכה, קיניג!...

(די אַלטע פרוי — די זעלבע ווי אין ערשטן בילד פונעם ערשטן אַקט — הייבט אויף דאָס קינד, עס זאָל בעסער קאָנען זען.)

די פרוי: קוק, מיין קינד! קוק גוט! אָט דאָס איז אונדזער משיח, אונדזער האַר, אונדזער גואל! זע זיין געזיכט — ווי די ליכטיקע זון! זע זיינע אויגן — ווי די ליכטיקע שטערן! און די שיין, וואָס לויכט איבער אים — דאָס איז די הימלישע קרוין, וואָס רוט אויף זיין קאָפּ! ניט ער גייט, נאָר ער שוועבט! זיינע טריט באַרירן נישט די ערד אפילו! (רופט) משיח, בענטש מיט דיין בליק אַן אָרעמע פרוי! בענטש אַן אָרעם קינד, האַר מיינער! (מיט שמחה) ער האָט אויף אונדז אַ קוק געגעבן! ער האָט אונדז זיין ברכה גע־

שיקט! (מיט טרערן) זאָל דיין נאָמען זיין געבענטשט אויף אַלע אייביקייטן, דערלייזער אונדזערער! קוק, מיין קינד, פאַרגעדענק גוט זיין געשטאַלט! קיינער טאָר צו אים זיך נישט דערנעענטערן איצט! אפילו די וואַכ־לייט, זעסט, זיי גייען אָפּגערוקט, פונווייטן, אויס דרך־ארץ און פחד! דער סולטאַן האָט גערופן צו זיך אונ־דזער דערלייזער, אַלע קרוינען פון קיניגרייך וועט ער אים איבערגעבן! מיר האָבן זוכה געווען, קינד מיינס, מיר האָבן זוכה געווען דעם טאָג צו דערלעבן!

(אַלע פאַלגן נאָך, מיטן בליק, דעם פאַרבייגייענדיקן — היגטער דער בינע — שבתי צבי.)

שטימען: (אין געמורמל) — משיח!... משיח!...
— געבענטשט זאָל זיין דיין נאָמען!...

די פרוי: (צום קינד) ער איז פאַרביי... וועסט פאַרגעדענקען זיין ליכטיקע געשטאַלט?! גאָט, ווי גרויס זיינען די נסים, וואָס דו טוסט מיט אונדז טאָן!... ווי גרויס דיינע נסים!...

(דאָס ליכט גייט לאַנגזאַם אויס.)

## בילד צוויי

אַ זאַל אין סולטאַנס פּאַלאַץ. מזרחדיקער פּראַכט. אַ טראָן — אַ ליידיקער. ניט ווייט פון טראָן זיצט דער קאַימאַקאַם, מוסטאַפאַ פּאַשאַ. ער מאַכט אַ צייכן צו אַ קאַמערהער, וואָס שטייט ביי איינע פון די טירן.

מוסטאַפאַ: פיר אים אַריין! (דער קאַמערהער פאַרנויגט זיך, גייט אַרויס, קומט תיכף צוריק מיט בנימינען.)

בנימין: (מיט אַ גרינעם טורבאַן אויפן קאָפּ, פאַר־נויגט זיך טיף פאַר מוסטאַפאַן, אָן איין וואָרט.)

מוסטאַפאַ: (קוקט אים אָן שאַרף) ווייסט, ווער איך בין?!

בנימין: איך ווייס, מיין האַר.

מוסטאַפאַ: ווער?! זאָג!

בנימין: גובערנאַטאָר פונעם פּאַלאַץ פון אונדזער פאָטער דעם סולטאַן, קאַימאַקאַם מוסטאַפאַ פּאַשאַ.

מוסטאַפאַ: נאָך אונדזער פאָטער דעם פּאַדישאַך, בין איך דאָ דער איינציקער באַלעבאָס! באַלעבאָס פון לעבן און טויט!

בנימין: איך ווייס.

מוסטאַפאַ: האָסט מורא?!

בנימין: ניין, מיין האַר.

מוסטאַפאַ: ווי הייסטו?!

בנימין: דזשאַמיל! דזשאַמיל, פון זינט איך בין אַריבער אין דער רעכטגלויביקער אמונה.

מוסטאַפאַ: און פריער?!

בנימין: בנימין, דער זון פון יצחק, פון דער שטאָט דמשק.

מוסטאַפאַ: און פאַרוואָס ביסטו געוואָרן אַ רעכט־גלויביקער?

בנימין: האָב איך דען שלעכט געטאָן, מיין האַר?

מוסטאַפאַ: דאָס זאָג איך נישט! אַללאַה איז בארמהאַרציק צו אַלע אומגלויביקע, וואָס באַקערן זיך צו אים. אָבער — ווי אַזוי איז הערגאַנגען צו דיר דאָס וואָרע ליכט?

בנימין: (נאָך אַ ווײַלע שווייגן) אַללאַה, אין זיין גענאַד, האָט די אויגן מיר געעפנט...

מוסטאַפאַ: (פאַמעלעך) יאָ, באמת, אַללאַה איז גרויס... (פויזע) הער מיך אויס, דזשאַמיל! איך בין באַלעבאָס דאָ נישט בלויז פון טויט בכלל, נאָר אויך פון אַלע מינים טויטן. וויל איך — צעבליען זיך תליות, ווי בוימער אין פרילינג! וויל איך — קוילערן זיך קעפּ פון מענטשן, ווי באַלעמס פאַר קינדער צו שפּילן! וויל איך — רייסן שטעקנס זיך אַריין, פאַרשפּיצטע, אין גוף, אין די געדערים — פאַמעלעך, פאַמעלעך! מיט מיר, אַז מען רעדט, דאַרף מען דעם אמת זאָגן! ווייסטו עס?!

בנימין: יאָ, מיין האַר, איך ווייס.

מוסטאַפאַ: איז ריכטיק, אַז דו האָסט זיך צו אונדזער אמונה באַקערט, ווייל די ברידער דיינע, די יאַהודס, האָבן דיך טויטן געוואָלט?!

בנימין: (נאָך אַ קורצער פויזע) ס׳איז ריכטיק, מיין האַר. מיינע ברידער, (ער פאַרכאַפּט זיך) מיינע געוועזענע ברידער, האָבן מיך געוואָלט טויטן.

מוסטאַפאַ: פאַרוואָס?!

בנימין: (ער פירט מיט זיך אַ גראַנגל) ווייל... כ׳האָב ווידערשפּעניקט... ווידערשפּעניקט אין אונדזער האַר...

מוסטאַפאַ: (ווילד) וועלכער האַר?! אונדזער

איינציקער האַר איז דער פּאַדישאַך! אונדזער איינציקער פאָטער איז דער סולטאַן!

בנימין: איך בעט פּאַרציִאונג... דאָס האָב איך אין זייער האַר געטאָן ווידערשפּעניקן.

מוסטאַפאַ: מיט וואָס?!

בנימין: איך האָב געזאָגט, אַז דער האַר זייערער... פאַר וועלכן זיי בוקן זיך אַלע... איז נישט דער, אויף וועמען מען האָט געוואַרט...

מוסטאַפאַ: און אויף וועמען האָט מען געוואַרט?!

בנימין: אויפן... דערלייזער... אויף משיח צדק...

מוסטאַפאַ: דערפאַר האָבן זיי געוואָלט דיך אומברענגען?!

בנימין: יאָ, מיין האַר. מען האָט זיך געיאָגט נאָך מיר און מיך דעריאָגט. שוין האָבן נעגל, ווי שפּיזן, זיך איינגעשניטן אין מיין לייב; שוין האָבן פינגער, ווי רייפן, אַרומגעכאַפּט מיין האַלדז און געשטיקט. פּלוצלינג איז אַ העלע ליכט אין מיר אויפגעגאַנגען. אַ רעכטגלוביקער איז פאַרביי, מיט אַ גרינעם טורבאַן. אַללאַה האָט מיין אָרעם געשטאַרקט, כ׳האָב זיך אַ ריס אַרויס געגעבן פון די הענט פון מיינע פאַרפאָלגער, כ׳בין צוגעלאָפן צום רעכטגלוביקן, האָב אַראָפּגענומען פון זיין קאָפּ דעם טורבאַן און אָנגעטאָן אויף זיך. די פאַרפאָלגער האָבן מער אויף מיר קיין שליטה נישט געהאַט. אַללאַה איז גרויס!... (אַ קורצע פּויזע) אַללאַה איז אַללאַה און זיין נביא איז מאַהאָמעט!... (פּויזע)

מוסטאַפאַ: (קוקט אים אָן לאַנג) צו וואָס ביסטו אַהער געקומען?!

בנימין: כדי אונדזער פאָטער, דער סולטאַן, זאָל דעם אמת וויסן.

מוסטאַפאַ: וואָס פאַר אַ אמת?!

בנימין: וועגן אים! וועגן זייער קיניג!

מוסטאַפאַ: זייער קיניג — דער אומפאַרשעמ־טער טשיפוט! איז אמת, אַז ער זאָגט — זיין טראָן וועט זיך דערהויבן איבער אַלע טראָנען פון דער וועלט און ער וועט זיין קיניג איבער אַלע קיניגן?!

בנימין: ס׳איז אמת.

מוסטאַפאַ: איז אמת, אַז ער זאָגט — אַלע קרוי־נען, וואָס רוען אויפן קאָפּ פון אונדזער פאָטער דעם סולטאַן, וועלן אויף זיין קאָפּ אַריבער?!

בנימין: ס׳איז אמת.

מוסטאַפאַ: ער האָט פאַרדינט, דער טשיפוט, מען זאָל פון זיין גוף אַרויסרייסן יעדן גליד באַזונדער! און ווי אַזוי מיינט ער עס די קרוינען פונעם קאָפּ פון פאָדישאַך אַראָפּצונעמען?

בנימין: (שטיל) ער האָט נישט בדעה די קרוי־נען אַראָפּצונעמען...

מוסטאַפאַ: נאָר וואָס־זשע?!

בנימין: ער זאָגט... אונדזער פאָטער דער סול־טאַן וועט אַליין פון קאָפּ אַראָפּנעמען די קרוינען זיינע און אים, דעם יידישן קיניג, די אָנטאָן...

מוסטאַפאַ: אַליין אים אָנטאָן?!! ביי אַללאַה! זאָגסט אמת?!

בנימין: יאָ, מיין האַר.

מוסטאַפאַ: ער איז דאָך נישט ביים קלאָרן גע־דאַנק! אונדזער פאָטער דער סולטאַן וועט אַליין — אַליין! — אים אָפּגעבן די קרוינען?! (ער צעלאַכט זיך הילכיק) ניט אַנדערש, די יאַהודן זיינען אַלע פון זינען אַראָפּ! כ׳האָב עס שוין לאַנג באַמערקט — אַלע! זייער משיח איז חסר־דעה און זיי — זיי לויפן נאָך אים און שפּרייטן די הענט צו אים און טוען תפילה סיי ביי טאָג, סיי ביי נאַכט! משוגעים, משוגעים! איז אמת, דער טשיפוט באַרימט זיך, ער וועט אונדזער פאָטער דעם סולטאַן איבערן געזיכט שלאָגן און מיט האַרבער האַנט אים באַצווינגען?!

בנימין: ניין, מיין האַר. ער זאָגט, אדרבה: ניט מיט שווערד און ניט מיט שפּיז, נאָר מיט גאָטס וואָרט און מיט געזאַנג...

מוסטאַפאַ: (מיט שפּאָט) מיט גאָטס וואָרט און מיט געזאַנג — טפו! משוגעים — אָבער משוגעים געפערלעכע! (טראַכט אַ ווײַלע) דו ביסט געווען אײַ־נער פון זײַנע באַגלײטער?

בנימין: אַ תלמיד זײַנער, מיין האַר.

מוסטאַפאַ: ס'איז צו מיר דערגאַנגען — ער האָט זיך פאַרבונדן מיט די שונאים אונדזערע. שלוחים פון דער ווענעציאַנער רעפּובליק זײַנען בײַ אים געוועזן. זיי קלייבן זיך אַ מרידה אויפצוהייבן איבער דער מדינה, צווישן די יאַהודס. איז עס אמת?

בנימין: ניין, מיין האַר.

מוסטאַפאַ: ער האָט נישט פאַרהאַנדלט מיט שלוחים פון ווענעדיג?!

בנימין: ניין, מיין האַר. קיינמאָל נישט.

מוסטאַפאַ: ביסט זיכער?!

בנימין: פולשטענדיק, מיין האַר.

מוסטאַפאַ: איז עס אפשר געווען אָן דיין וויסן?

בנימין: איך האָב אַלע סודות געוואוסט.

מוסטאַפאַ: קאָנסט שווערן?!

בנימין: יאָ.

מוסטאַפאַ: וועסט שווערן בײַ אַללאַה! געדענק, ביסט איצטער אַ רעכטגלויביקער! אַללאַה אַכבאַר, אַללאַה!... דו שווערסט, אַז אַלץ, וואָס דו האָסט איצט געזאָגט, איז לויטער אמת?! בײַ אַללאַה — שווער!

בנימין: איך שווער, מיין האַר!

מוסטאַפאַ: אויב דו האָסט פאַלש געשוואוירן, איז נישטאָ דיר וואָס מקנא זײַן! ביזן לעצטן אָטעם דײַנעם וועסטו פאַרשילטן די שעה פון דײַן געבוירן! (טראַכט אַ ווײַלע) שוין לאַנג געדאַרפט דעם דאָזיקן באַטריגער אויפהענגען, ווי איך האָב געראַטן! ער זייט

אומרו אין לאַנד. פירט ערלעכע מענטשן פון וועג אַראָפּ. האָט דער גרויס־וויזיר נישט געלאָזן. פאַר־וואָס?! ווייל די יאַהודס וועלן זאָגן: דער נביא איז אַרויף אין די הימלען! פאַרשטייט זיך, אַ תירוץ בלויז! דער גרויס־וויזיר איז אַ גוטער פריינט פונעם יאַהוד, דעם פינאַנץ־מיניסטער פון פאָטער־פאַדישאַך, אַ היי־סער פריינט! (ער לאַכט און פלוצלינג שאַרף) וויפל באַקשיש האָט ער באַקומען, דער האַר גרויס־וויזיר?! זאָג, וויפל?

בנימין: דאָס ווייס איך נישט, מיין האַר.

מוסטאַפאַ: אָנגעשטאָפּט זיך אַלע! אַ רעגן פון גאָלד! דער קאַדי פון סמירנע, דער קאַפּודזשי באַשי פון די דאַרדאַנעלן, דער באַשי פון קום־קאַלע, די שעיכן, די יאַניטשאַרן־אָפיצירן, די וואַכן, — אַלע. באַקשיש. באַקשיש! שווייגען! אַללאַה איז אַן עדות, מיינע הענט זיינען ריין. איצט וועל איך זיי ווייזן, ווער איך בין! דער גרויס־וויזיר איז אין קרעטן־לאַנד אויף מלחמה, און דער נביא פון די יאַהודס איז אין מיינע הענט. וועסט אַלץ דערציילן אונדזער פאָטער דעם סולטאַן, וואָרט ביי וואָרט! אָט, ער גייט! מען דאַרף אים פאַלן צו די פיס, פאַרגעס נישט!

בנימין. יאָ, מיין האַר.

אַ הויפדינער: (עפנט אַ טיר און רופט אויס) אונדזער פאָטער דער פאַדישאַך!...

(ס׳קומט אַריין דער סולטאַן, מעהמעד דער פערטער, אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר דרייסיק; ער איז אַרומגערינגלט פון הויפלייט; מוסטאַפאַ גייט אים אַנטקעגן, פאַרנויגט זיך, קושט דעם זוים פון זיין קלייד, מאַכט אַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט אים געוואָלט פירן צום טראָן; דער סולטאַן שטויסט אים אָפּ אומגעדולדיק, גייט אַליין, נישט אויפהערנדיק בעת־מעשה צו ריידן, זייער לעבהאַפטיק, צום וויזיר.)

סולטאַן: ערשט איך זע — הערנער אַ פּאָר!... צוואָקסענע, צעצווייגטע!... איך שטיי פאַרבאַהאַלטן,

גיב זיך נישט קיין ריר... כ׳הער יעדן קלאַפּ פון מיין האַרצן!... איז עס ניט אַמאָל אַן אויסדוכטע־ניש?!... איך בויג שטיל אַרויס דעם קאָפּ פון הינ־טערן בוים. (ער פאַרהאַלט זיך, שפּילט אָפּ די סצענע) כ׳פאַרהאַלט דעם אָטעם... ביי אַללאַה — הערנער פון אַ הירש!... (ער צעלאַכט זיך פון גרויס צופרידנקייט) דער זעלבער הירש, וואָס אַ גאַנץ באַגינען האָבן אים די הינט געיאָגט און ער איז פּלוצלינג פאַרשוואונדן, ווי פון דער ערד פאַרוואָרפן... איך שלייך מיך צו נעענטער... אָט הער איך — ער רייבט שטיל אַ פוס אין די טרוקענע בלעטער... איך וואַרט, ער זאָל אַרויס־שטעקן דעם קאָפּ!... כ׳וויל זען די אויגן זיינע!... לעבעדיקע נאָך — אײדער איך וועל אויסשיסן!... כ׳וויל, מיר זאָלן ביידע זיך אָנקוקן — ער מיך און איך אים! — און דאָס זאָל זיין פאַר אים די לעצטע רגע!... (צעלאַכט זיך) האָסטו געזען אַמאָל, וויזיר, דעם בליק פון אַ הירש פאַרן טויט?...

וויזיר: ניין, אַלהעכסטער האַר. כ׳האָב נישט זוכה געווען.

סולטאַן: גערעכט, וויזיר. ס׳איז אַ זכיה! איך האָב געזען. איך זע אויף יעדער יאַגד. דער לעצטער בליק — און אויסגעשאָסן! (צעלאַכט זיך ווידער; ווײַדנדיק אַזוי, איז ער צוגעגאַנגען צום טראָן און האָט זיך געזעצט) נו, וואָס, מוסטאָפאַ?!

מוסטאָפאַ: (קושט אים נאָך אַ מאָל דעם זוים פון קלייד) איבער דו דערלויבסט, פאָטער אונדזערער און העכסטער האַר...

סולטאַן: (זיין גאַנצע באַלעבאַטקייט איז פאַר־שוואונדן; ער פאַרקרימט זיך) איך דערלויב, געוויס דערלויב איך!... גייסט שוין ווידער מיך לאַנגווײ־ליקן, מוסטאָפאַ!... אַ, ווי איר לאַנגווייליקט מיך אַלע!... דער גרויס־וויזיר מיט זיין מלחמה אין קרעטן־לאַנד, דו מיט דיינע כלערליי פאַרשווערונגען!... איר

מאַכט מיך מיד!... איר פאַרשלעפּערט מיך!... אַט זע, אַ שלאָף באַפאַלט מיך, ווי נאָר איך קוק אייך אָן. בלויז מיט מיינע ווילד־חיות איז מיר נישט לאַנגווייליק.

וויזיר: (חניפהדיק) אפשר איז עס דערפאַר, פאַר־טער־פאַדישאַך, וואָס זייער בליק צו דיר איז תמיד — זייער לעצטער בליק?

סולטאַן: (פאַמעלעך, מיט אַ שמייכל) וואָלט איך דען דאָס זעלבע נישט געקאָנט באַוויזן אויך מיט אייך?! אַט, דו, וויזיר, אַשטייגער. ווען איך זאָג דיר: קוק מיך אָן, וויזיר, און זאָל עס זיין דיין לעצטער בליק אויף אונדזער ערד... (און שאַרף) קוק מיך אָן, וויזיר!

וויזיר: (ציטערנדיק) איך בין דיין נישטיקער קנעכט, אַלהעכסטער האַר אונדזערער... מיין לעבן איז אינגאַנצן אין דיינע הענט...

סולטאַן: דיין לעבן און זיינער (ווייזט אויף מוס־טאַפאַ) און אַלעמענס! אָבער, וויזיר, טויטן אַ מענטשן מיט אייגענער האַנט, איז נישט ווי טויטן אַ ווילד־חיה — ס׳איז לאַנגווייליק! (פויזע) נו, רייד שוין, מוסטאַ־פאַ! רייד!

מוסטאַפאַ: האַר מיינער, האָסט באַפוילן, מען זאָל ברענגען צום פאַרהער דעם יאַהוד, וואָס גיט זיך אויס פאַר משיח...

סולטאַן: אַ, יאָ, איך דערמאָן זיך.

מוסטאַפאַ: ער איז דאָ אין פּאַלאַץ, אַלהעכסטער האַר.

סולטאַן: פיר אים אַריין.

מוסטאַפאַ: דאָ איז אויך פאַראַן אַ תלמיד זיי־נער, וואָס איז אַריבער אין אונדזער גלויבן. (ווייזט אויף בנימינען) ער ווייסט אַ סך זאַכן צו דערציילן...

סולטאַן: (אומגעדולדיק) לאַנגווייליק מיך נישט, מוסטאַפאַ! כ׳האָב געזאָגט — פיר אים אַהער!

מוסטאפא: איך געהאָרך, אַלהעכסטער האַר!
(ווי'ל ארויסגיין)

סולטאַן: וואַרט!... (צו בנימינען) דו! (בנימין פאַרנויגט זיך טיף) קום נעענטער! (בנימין גייט צו) איז אמת, אַז ער זאָגט — ער איז די פייל פון גאָט און ס'איז גאָרנישט פאַראַן קיין מענטשלעכער כוח, וואָס זאָל קעגן אים אַ שילד זיין, צי אַ פאַנצער?

בנימין: אמת, אַלהעכסטער האַר.

סולטאַן: (צו מוסטאַפאַ) פיר אים אַריין! (מוסטאַפאַ פאַרנויגט זיך, גייט אַרויס; דער סולטאַן, נאָכטראַכטנדיק) די פייל פון גאָט! (ער שמייכלט) וואָס פאַר אַ וואונדערלעכע יאַגד מען וואָלט געקאָנט מאַכן!

(מוסטאַפאַ קומט אַריין מיט שבתי צבי.)

מוסטאַפאַ: פאַל צו די פיס פון אונדזער פאָטער דעם פאַדישאַך!

שבתי: (גייט פאַמעלעך, מיט אַ רואיקן, ווירדיקן טראָט צום סולטאַנס טראָן און פאַרנויגט זיך.)

מוסטאַפאַ: צו די פיס!

שבתי: (פאַרנויגט זיך טיפער, אָבער בלייבט שטיין.)

מוסטאַפאַ: האָסט נישט געהערט מיין באַפעל?!!

סולטאַן: גענוג, מוסטאַפאַ! (צו שבתין) הויב אויף דעם קאָפ! (שבתי, מיט ווירדע, גלייכט זיך אויס) דו ביסט עס?!

שבתי: איך, אַלהעכסטער האַר.

סולטאַן: פאַרוואָס רופסטו מיך האַר?! ביסטו דען מיין קנעכט?!

שבתי: כ'בין דער קנעכט פון גאָט, פאָטער־פאַדישאַך. פונקט ווי יעדערער פון אונדז.

סולטאַן: ווי הייסטו?

שבתי: שבתי צבי הייס איך, דער זון פון מרדכי צבי. געבוירן אין דער שטאָט סמירנע פון דיין מדינה.

סולטאַן: ביסטו דער יידישער קיניג?

שבתי: אַ גאָט־געלערנטער בין איך, פּאָטער־פּאַ־דישאַך. יאָרן לאַנג, טאָג און נאַכט, ווי איך זוך אין די הייליקע שריפטן דעם זין פון אונדזער לעבן אויף דער וועלט.

סולטאַן: האָסטו ניט געזוכט צומאָל אויך דעם זינען פון טויט?

שבתי: ניין, מיין האַר. בלויז דאָס לעבן איז הייליק.

סולטאַן: אין מיין גרויסן קרוין־זאַל, נעבן מיין טראָן, שטייען דריי שטולן: איינער פאַרן גרויס־מופטי פון די רעכטגלויביקע, דער צווייטער פאַרן חכם פון די יידן און דער דריטער פאַרן פּאַטריאַרך פון די קריסטן. קיין איינער פון די שטולן איז נישט העכער פאַרן צווייטן. איז אַמאָל, אין מיין מדינה, עפּעס אַן עוולה געטאָן געוואָרן צו די יידן, דיינע ברידער?

שבתי: ניין, פּאָטער־פּאַדישאַך, חלילה! דו און דיינע אבות זיינען תמיד געווען לייטזעליק צו אונדז!

סולטאַן: טאָ פאַרוואָס גייען דיר נאָך דיינע ברי־דער, וואו דו קומסט, און שפּרייטן טעפּיכער אונטער דיינע טריט און שטרעקן די הענט צו דיר?!

שבתי: נישט מיר גיבן זיי כבוד אָפּ, נאָר דעם וואָרט פון גאָט, וואָס דאַרף מקויים ווערן.

סולטאַן: ווען כ׳האָב זיך דערנעענטערט צום פּאַ־לאַץ, האָב איך באַמערקט פון וויטן אַ גרויסע עדה ברידער דיינע, פאַרזאַמלטע. האָסט דו זיי גערופן אַהער?

שבתי: ניין, אַלהעכסטער האַר.

סולטאַן: זיי האָבן געזונגען. אויך איצטער הער איך דאָס געזאַנג! (צו מוסטאַפאַ) לעך אויף אַ פענצ־טער! (מוסטאַפאַ עפנט אַ פענצטער; פון דרויסן דער־טראָגט זיך אַ ווייט געזאַנג) פאַרמאַך! (מוסטאַפאַ פאָלגט; צו שבתין) פאַרוואָס זינגען זיי?

שבתי: איך ווייס נישט, מיין האַר. אפשר דער־פאַר, ווייל ס׳שטייט געשריבן: שאַלט צו גאָט, די גאַנצע

ערד ברעכט אויס און זינגט און שפּילט.

סולטאַן: שטייט נאָך עפּעס געשריבן?

שבתי: יאָ, אַלהעכסטער האַר.

סולטאַן: זאָג!

שבתי: (מיט דערהויבנקייט) זינגט צו גאָט אַ ניי געזאַנג, וואָרום וואונדער האָט ער געטאָן! זיין רעכטע האַנט האָט אים געהאָלפן און זיין הייליקער אָרעם! גאָט האָט געלאָזט וויסן זיין ישועה, פאַר די אויגן פון אַלע פעלקער האָט ער אַנטפּלעקט זיין גערעכטיקייט! ער האָט געדאַכט אין זיין חסד און זיין טריישאַפט צו דעם הויז פון ישראל! אַלע עקן פון דער ערד האָבן געזען די ישועה פון אונדזער גאָט!

סולטאַן: און ווי אַזוי האָבן עס אַלע עקן פון דער ערד געזען אָט־די ישועה?

שבתי: זאָלן דייַנע דינער זאָגן דיר, מיין האַר! איז נישט אמת, אַז היינט פרי, בעת איך בין אין דיין פּאַלאַץ אַריינגעטראָטן, האָט זיך די זון אַ רגע פאַרהאַלטן אין איר לויף און אַ טונקעלער שאָטן האָט זיך אויף איר באַוויזן? זאָלן דייַנע דינער זאָגן — איז עס אמת, אָדער נישט?

סולטאַן: (פאַרוואונדערט, אומרואיק) מוסטאַפאַ!

מוסטאַפאַ: ס'איז אמת, פּאָטער־פּאַדישאַך.

סולטאַן: פאַרוואָס האָב איך עס נישט געזען?!

מוסטאַפאַ: האָסט גערוט נאָך דער יאָגד, מיין האַר.

סולטאַן: (צו שבתין) קום נעענטער צו מיר! (שבתי גייט צו פּאַמעלעך) וויז דיין געזיכט! (שבתי קוקט אים רואיק אָן, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ; פּויזע; דער סולטאַן צעשרייט זיך, ווילד) איז ווער ביסטו?! ווער ביסטו?! ענטפער!

שבתי: כ'האָב דיר געזאָגט שוין, פּאָטער־פּאַדישאַך: אַ גאָט־געלערנטער בין איך... איך זוך דעם סוד פון דעם, וואָס איז געשריבן.

סולטאַן: (מיט חשד) האָסטו נישט אַמאָל, אין פרימאָרגן, אויפגעהויבן די הענט צו דער זון?!

שבתי: ניין, אַלהעכסטער האַר. מיינע הענט זיי־נען געווען געשמידט אין קייטן.

סולטאַן: קיין ראיה נישט! מוסטאַפאַ, פיר אים צו צום באַלקאָן! (מוסטאַפאַ פאָלגט) עפן ברייט די טירן! (מוסטאַפאַ פאָלגט; ס׳דערטראָגט זיך ווידער דאָס גע־זאַנג; צו שבתין) הויב אויף די הענט! (שבתי פאָלגט; דער סולטאַן שרייט מיט אַ ווילדן קול) צו דער זון! צו דער זון שטרעק אויס די הענט! (שבתי פאָלגט; דער סולטאַן, פון אומגעדולד, איז אַראָפּ פון טראָן; ער קוקט אָנגעשטרענגט אויף דער זון; אַ לאַנגע פּויזע; דער סולטאַן צעלאַכט זיך שטיל, אַ באַרואיקטער, גיט אַ צייכן מוסטאַפאַן, וועלכער פאַרמאַכט די טירן פון באַלקאָן) זעסט, די זון האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט! אַפילו ניט פאַרשאָטנט געוואָרן דורכן קלענסטן שאָטן! (צעלאַכט זיך ווידער, זעצט זיך צוריק אויפן טראָן און, מיט אַ שמייכל) מוסטאַפאַ!

מוסטאַפאַ: יאָ, מיין האַר?

סולטאַן: ברענג מיר אַריין מיין קרוין.

מוסטאַפאַ: (פאַרוואונדערט, אומרואיק) דיין קרוין, פאָטער־פאַדישאַך?!

סולטאַן: טו ווי כ׳האָב געזאָגט. (מוסטאַפאַ פאַר־נייגט זיך, גייט אַרויס; צו שבתין) האָסט אַמאָל גע־זען מיין קיניגלעכע קרוין?

שבתי: ניין, אַלהעכסטער האַר.

סולטאַן: אויף דער וואָר נישט, דאָס ווייס איך. אָבער — אין חלום?!

שבתי: (שטיל) אויך אין חלום נישט.

סולטאַן: (מיט אַ שמייכל) און טרוימען וועגן דער קרוין מיינער האָסטו געטרוימט?

שבתי: (אומרואיק) טרוימען?...

סולטאַן: ענטפער: יאָ צי ניין! אָבער קלאָר!

מוסטאַפאַ: (קומט אַריין, האַלט אין האַנט אַ קוש־ין) דיין קרוין, פּאַטער־פּאַדישאַך!

סולטאַן: (צו שבתין) וואַרט, ענטפער נישט גלייך אויף מיין פראַגע. באַטראַכט זיך פריער! קוק, אָט איז זי, די קרוין מיינע! קוק זי גוט אָן! (ער נעמט זי ביי מוסטאַפאַ) ריינער גינגאָלד, לויטער אידלשטיי־נער — איינער גרעסער, פינקלדיקער פאַרן צווייטן! די גאַנצער יחוס־בריוו פון דער אָטאָמאַנישער מדינה איז אין אָט די לויכטנדיקע שטיינער פאַרשריבן! וואָס אַ שטיין — דאָס אַ דענקמאָל! קוק! (טייטלט מיטן פינגער) אַראַביען — מעקאַ, מעדינאַ, ירושלים — יאָ, ירושלים! אַלעפאָ, דמשק! פערסיע! מצרים! בבל! עטיאָפיע! קורדן־לאַנד! גרוזיע! אַנאַטאָליע! דאָס לאַנד פון די טאַטאַרן! גריכנלאַנד! מאָלדאַוויע! וואַ־לאַכיע! אונגאַרן! קליין־פוילן! קאַזאַקן־לאַנד! (מיט אַ שמייכל) דאָס אַלץ — בלויז דערווייל. (צעלאַכט זיך שטיל) אַ רייכע קרוין. נישט אמת?!

שבתי: די רייכסטע אין דער וועלט, אַלהעכסטער האַר.

סולטאַן: און איצט זע! (ער טוט אָן די קרוין) זיצט זי גוט אויף מיין קאָפּ? זיצט זי פעסט? (שבתי שווייגט) דאָס פרעג איך דיך! ענטפער!

שבתי: זי זיצט גוט, פּאַטער־פּאַדישאַך.

סולטאַן: שוין זיבעצן יאָר, ווי זי רוט אויף מיין קאָפּ. און יעדעס מאָל, ווען עמעץ האָט געוואַגט זיך פאַרמעסטן אויף איר, האָט עס אים תיכף זיין לעבן געקאָסט. איז די שטראָף אַ גערעכטע?

שבתי: יאָ, פּאַטער־פּאַדישאַך. דער וואָס שטרעקט זיין האַנט צו אַ פרעמדער קרוין, איז חייב מיתה.

סולטאַן: ריכטיק. האָסט אַרויסגעגעבן אַ משפט איבער זיך אַליין.

שבתי: מיין געוויסן איז ריין, אַלהעכסטער האַר. איך האָב מיינע הענט געשטרעקט בלויז צו גאָט.

סולטאַן: איז נישט אמת, אַז דו האָסט געזאָגט — ווערסט קומען פאַר מיין געזיכט און ס'וועלן וואונדער געשען?!

שבתי: (רואיק) אמת, מיין האַר.

סולטאַן: וועלכע וואונדער?!

שבתי: קאָן איך דיר אַ משל דערציילן, פּאָטער־פאַדישאַך?

סולטאַן: דערצייל!

שבתי: צוויי מענטשן האָבן געוואוינט אין איין שטאָט, איינער אַן עושר און דער צווייטער אַן אָרע־מאַן.ביים עושר זיינען געווען שאָף און רינדער זייער פיל און גאָלד און זילבער און אוצרות כּלערליי. ביים אָרעמאַן איז גאָרנישט געווען אַחוץ איין איידלשטיין, וואָס ער האָט באַקומען בירושה פון זיינע עלטערן און אור־עלטערן, כדי אים איבערצוגעבן צו זיינע קינדער און קינדס־קינדער. איין מאָל האָט זיך אָרעמאַן גע־דאַרפט זיך לאָזן אין אַ לאַנגן וועג, ער און זיין הויז־געזינט. איז ער געקומען צום עושר און געזאָגט: איך וויל איבערלאָזן אַ פּקדון ביי דיר, מיין איידלשטיין, כדי שלעכטס־טוער זאָלן נישט קאָנען אים צורויבן אויפן וועג. האָט דער עושר מסכים געווען. יאָרן זיי־נען אַוועק און דער אָרעמאַן איז אַלץ נישט צוריקגע־קומען, און דער איידלשטיין איז אַלץ געווען ביים עושר, ביז סיי דער אָרעמאַן, סיי דער עושר זיינען געשטאָרבן, אויך זייערע זין און די זין פון זייערע זין. ערשט אין דורות שפּעטער, איז אַן אוראייניקל פון אָרעמאַן איין מאָל געקומען צום אוראייניקל פון עושר און געזאָגט: דאָס פאַרמעגן פון אונדזערע עלטער־זיידעס האָט זיך געמערט — ביי מיר די אָרעמקייט, ביי דיר די עשירות. גיב מיר אָפּ דעם פּקדון, דעם איידלשטיין, וואָס מיין עלטער־זיידע האָט דיין עלטער־זיידן אָנפאַרטרויט. דו האָסט איידלשטיינער אָן אַ שיעור, איך האָב בלויז איי־נעם, וואָס איז אין דיין רשות. אָט דער איידלשטיין גע־

הערט מיר. (און צום סולטאַן) קומט אים דער פּקדון, פּאַטער־פּאַדישאַך ?...

סולטאַן: עס קומט אים. אָבער (ער נעמט אַראָפּ די קרוין פונעם קאָפּ, באַטראַכט זי אַ לאַנגע ווײַלע שווײַגנדיק) ווי אַזוי וועט דער יורש זיך לאָזן דער־קענען אַלס יורש?

שבתי: מיט אַ סימן.

סולטאַן: וועלכער סימן?

שבתי: מיט גאָטס וואָרט און מיט געזאַנג.

סולטאַן: גאָטס וואָרט?!

שבתי: (הויבט אָן שטיל, אָבער זײַן קול, וואָס איז דורכגעזאַפּט מיט טרערן, ווערט אַלץ פעסטער און פעסטער) און אַצינד האָט אַזוי געזאָגט דײַן בורא, יעקב, און דײַן באַשעפער, ישראל! גיי און שטרײַט אויס דעם שטרײַט פון גאָט, גיי מלחמה האַלטן גאָטס מלחמה!... זאָלסט נישט מורא האָבן, וואָרום איך לייז דיך אויס!... איך רוף דיך ביים נאָמען, מײַנער ביסטו!... אַז דו וועסט גיין דורך וואַסערן, בין איך מיט דיר!... און אַז דורך טײַכן, וועלן זיי דיך נישט פאַרפלייצן!... און דו וועסט גיין דורך פײַער, וועסטו נישט אָנגעברענט ווערן און קיין פלאַם וועט דיך נישט אָנצינדן!... וואָ־רום איך בין יהוה דײַן גאָט!... (פּויזע; טרערן גיסן זיך איבער שבתיס פּנים.)

(בעת שבתי האָט אַזוי גערעדט, איז דער סולטאַן, ווי אַליין נישט באַמערקנדיק, אויפגעשטאַנען פון טראָן און צוגע־גאַנגען נעענטער צו אים; זיי שטייען בײדע, אײנער אַנטקעגן צווייטן, אין גרויס שפּאַנונג.)

סולטאַן: איז דאָס... דאָס וואָרט?! (שבתי ענטפערט נישט, קוקט דעם סולטאַן גלײַך אין די אויגן) נו, און דאָס געזאַנג?!

שבתי: פאַרלאַנגסט — איך זאָל זינגען?

סולטאַן: איך פאַרלאַנג.

בנימין: (רייסט זיך אַרויס פון צווישן די הויפּ־לייט, פליסטערט) זינג!... זינג!...

שבתי: (אין רעטשיטאַטיוו, וואָס גייט ערטערווייז איבער אין געזאַנג)

פּעסט איז מיין האַרץ, גאָט, פּעסט איז מיין האַרץ,
איך טו שטרייטן דיין שטרייט, גאָט, איך טו שטרייטן
דיין שטרייט,
כ'וועל זינגען און שפּילן — דערוועק דיך, מיין זעל,
דערוועק דיך גיטאַר און האַרף
וואָס ביסטו געבויגן, מיין זעל, און טוסט ברומען
אין מיר?
האָף צו גאָט, האָף,
וואָרום איך וועל אים נאָך לויבן
פאַר דער הילף פון זיין פּנים
ווי אַ הינד לעכצט נאָכן בעכער וואַסער,
אַזוי לעכצט מיין זעל נאָך דיר, גאָט,
מיין זעל טוט דורשטן נאָך דיר
אין דעם שטרייט פון גאָט, אין דער מלחמה פון גאָט
וואָס ביסטו געבויגן מיין זעל און טוסט ברומען
אין מיר?
האָף צו גאָט, האָף,
וואָרום איך וועל אים נאָך לויבן,
האָף צו גאָט, האָף צו גאָט!

(איידער שבתי האָט אָנגעהויבן זינגען, איז דער סולטאַן קענטיק געווען אין גרויס געשפּאַנטקייט, אָבער ביסלעכווייז איז די שפּאַנונג פאַרשוואונדן, אַ הייטערקייט באַווייזט זיך אויף זיין געזיכט, ער הויבט אָן שמייכלען, דערנאָך לאַכן; בעת שבתי בלייבט שטיל, לאַכט ער שוין אויפן קול, אַלץ העכער און העכער; באַלד ווערט זיין געלעכטער ווילד, ער קייכט, ברעכט זיך איינגאַנצן; ער גייט צו צו מוסטאַפאַ, קלאַפּט אים איבערן בויך, מוסטאַפאַ הויבט אָן הילכיק לאַכן; דאָס איז ווי אַ סיג־נאַל פאַר אַלע הויפלייט; דאָס געלעכטער פאַרשפּרייט זיך ווי אַ שׂרפה און ווערט ווי אַ ים פון חוזק און שׂנאה; שבתי

בלייבט אינגאַנצן פאַרלוירן, ער בויגט זיך פאַמעלעך, ווערט ווי איינגעשרומפּן.)

סולטאַן: (קייכנדיק) האָסט מיך פאַרווילט! ביי אַללאַה! אויסגעצייכנט מיך געווילט היינט! שוין לאַנג אַזוי נישט געווילט זיך! כ'געדענק ממש נישט די צייט! זיי אַלע (וויזט אויף מוסטאַפאַ און די הויפלייט) זיי לאַנגווייליקן מיך שרעקלעך! אפילו די ווייבער מיינע קאָנען די לאַנגווייליקייט נישט צעשטרויען... אָבער דו — דו פאַרווילסט מיך! יאָ, ביי אַללאַה! (ער האָט זיך צוריקגעזעצט אויפן טראָן און אויפגעהערט לאַכן; דאָס געלעכטער פון די הויפלייט לעשט זיך תיכף אויס; ס'ווערט טויט־שטיל; דער סולטאַן קוקט אָן אַ ווײַלע שבתין, מיט שנאה) הער זיך צו מיט קאָפּ, דו! (שבתי גיט זיך נישט קיין ריר; דער סולטאַן שרייט) צו דיר רייד איך! (שבתי רירט זיך אַלץ נישט) קום נעענטער!

מוסטאַפאַ: (שרייט ווילד) נעענטער גיי!

(מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, מאַכט שבתי עטלעכע טריט צום טראָן.)

סולטאַן: הויב אויף דעם קאָפּ! (שבתי הויבט אויף דעם קאָפּ, ער האַלט פאַרמאַכט די אויגן, אָטעמט שווער) ווער ביסטו?! זאָג!

שבתי: (נאָך אַ ווײַלע, שטיל) איך ווייס נישט, פאָטער־פאַדישאַך...

סולטאַן: און איך ווייס! אַ לץ ביסטו! אַ נעבעכדיקער, לעכערלעכער שפּאַסן־מאַכער! ביי אַללאַה, דיין גליק, וואָס צו לצים, וועלכע ווילן מיך, בין איך גרויסמוטיק און לייטזעליק! ווען נישט, וואָלסטו באַלד געהאַנגען, אַזוי ווי דו פאַרדינסט עס, אויף איינע פון די תליות, וואָס פאַר דעם פּאַלאַץ! האָסט מרידה געשפּרייט איבער מיין מדינה! האָסט צו מיין קרוין די אויגן געווענדט! וואָס האָסטו געמיינט, כ'וועל די קרוין

דיר פאַר דיין געזאַנג אָפּגעבן ?! כ׳וועל דעם טראָן פון מיינע אבות אָפּטרעטן דיר פאַר דיינע שיינע רייד ?! פּאַיאַץ דו! האָסט גליק, וואָס דו ביסט נישט מערער ווי אַ לץ! האָסט געזאָגט: ביסט די פייל פון גאָט, און ס׳איז נישטאָ קיין מענטשלעכער כוח, וואָס זאָל קענען דיר זיין אַ שילד, צי אַ פּאַנצער ?!

שבתי: (מיט אַ שוואַכן קול) האָב איך עס געזאָגט ?...

סולטאַן: האָסט עס געזאָגט! און איך — איך! — וועל אָט די שילד זיין און דער פּאַנצער! אָבער, אפשר ביסט דו גאָר גערעכט ?! אפשר ביסט דו דער, וואָס איז געשריבן ?! וועלן מיר אַ פּרואוו מאַכן! די פּרואוו פון פיילן — פאַר דיר, געטלעכע פייל! ווי אַ שילד וועסטו זיין אַנטקעגן פיר פון מיינע בעסטע שיסער! דיין נאַקעטע ברוסט וועט דיר אַ פּאַנצער זיין! זיי וועלן פון די בויגנס פיר פיילן אַרויסשיקן, נישט מער ווי פיר! אויב די פיילן וועלן פון דיין ברוסט אָפּשפּרינגען און נישט דורכלעכערן דיין האַרץ, דאַן איז אָט די קרוין — דיינע! האָסט געזאָגט: קיין וואַסער וועט דיך נישט דערטרינקען, קיין פלאַם וועט דיך נישט אָנצינדן...

שבתי: (נאָך שוואַכער) האָב איך עס געזאָגט ?...

סולטאַן: האָסט עס געזאָגט! אָט דאָ, מיט עטלעכע רגעס פריער! וועלן מיר נאָך אַ פּרואוו מאַכן! מיינע תלינים וועלן פאַר דיר פּאַקלען אָנצינדן און אויף אַ שייטער דיך זעצן. אויב דו וועסט נישט ברענען, איז אָט די קרוין — דיינע! האָסט פאַרנומען מיינע רייד ?! (שבתי שווייגט, דער סולטאַן שרייט ווילד) האָסט געהערט, וואָס כ׳האָב געזאָגט ?! ענטפער!!!

שבתי: (שטיל) איך האָב געהערט, פּאַטער־פּאַדישאַך...

סולטאַן: (צו מוסטאַפאַ) זאָל מען אים לאָזן

**אַליין! און קיין טריט פון דאַנען נישט אַרויס!** (ער הויבט זיך אויף, לאָזט זיך שנעל צום אַרויסגאַנג, די גאַנצע סוויטע נאָך אים; שוין ביי דער טיר דרייט ער זיך אויס און זאָגט) **איך גיב דיר צייט צו באַטראַכטן זיך! אויך צו בעטן ביי דיין גאָט!** (און נאָך אַ קורצער פּויזע) **נעבעכדיקער לץ!** (ער גייט אַרויס, אַלע נאָך אים; שבתי בלייבט אַליין)

**שבתי:** (שטייט אַ ווילע אומבאַוועגלעך, קוקט זיך אַרום, גייט צו פּאַמעלעך צום באַלקאָן, עפנט די טירן; אַ יובל־געשריי ברעכט תיכף אויס הינטער דער בינע; שבתי הויבט אויף די הענט, דער געשריי שפּילט זיך ביסלעכווייז איין; ער זאָגט מיט אַ געבראָכן קול) **ברידער!... בעט גאָט פאַר מיר!... טוט תפילה פאַר מיר!... ברידער מיינע!... ברידער!...** (ער צעווייגט זיך)

פ אָ ר ה אַ נ ג

## דריטער אַקט

### בילד איינס

דער זעלבער זאַל ווי אין צווייטן אַקט. ס'איז האַלב־פינצטער. פון צייט־צו־צייט גיט אַ לויכט־אַריין דורך די פענצטער דער אָפּשיין פון ברענענדיקע פאַקלען. שבתי איז אַליין. ער ליגט אויף אַ הויפן קישנס, פאַרזונקען אין האַלב־דרימל, דרייט זיך אומרואיק, קרעכצט. פלוצלונג רייסט ער זיך אויף פון געלעגער, ווילד־צעשויבערט.

שבתי: לאָזט מיך! וואָס ווילט איר פון מיר?! וואָס מאַטערט איר מיך?! איך קען אייך! איך דערקען אייך אַלעמען! (טייטלט מיטן פינגער פון אַלע זייטן) סמאל — פון דיינע אויגן זעצט אַ פלאַם, פון דיין אויסגעקרימטן מויל טראָגט אַ שוועבל־ריח! פלטיאל — דיינע ציינער סטאַרטשען, ווי ביי אַ רויב־חיה! סבנאל — פון דיינע נעגל טריפט מיט פריש־פאַרגאָסן בלוט! אַוועק, שדים, רוחות! הערט אויף!... הערט אויף!... (ער בלייבט אַ ווילע שטיין, דעם פּנים פאַרבאַהאַלטן אין די הענט; ביסלעכווייז קומט ער צו זיך) וואו בין איך?! אָ, דער פּאַלאַץ פון סולטאַן! (ער מאַכט עטלעכע טריט, גייט צו צום פענצטער, קוקט אַרויס, מורמלט) אַ שייטערהויפן! פאַקלען ברענען! תּליות! זעלנער אַרום, פּיילנשיסער! פלאַמען פאַר מיין לייב! פיילן פאַר מיין ברוסט! רבונו של עולם, דערבאַרעם זיך אויף מיר! (פּויזע) פאַרוואָס איז דער נס ניט געשען?! פאַרוואָס האָט ישמעאל נישט אַנגעטאָן זיין קרוין אויף מיין קאָפּ און נאָך מיך געמאַכט צו שאַנד־און־שפּאָט?! בין איך אפשר נישט ראוי אויסצושטרייטן דיין שטרייט?! איז אפשר נישט מיין זכות מלחמה צו האַלטן דיין מלחמה?! (פּויזע) ווער בין

איך ?! ווער בין איך, טאַטע־פאָטער ?! יאָרנלאַנג דיין הייליקע תורה געלערנט, די סודות פונעם וועלט־באַשאַף געזוכט! יאָרנלאַנג דעם גוף געפייניקט, כדי צו לייטערן די נשמה! נישט גענוג געפייניקט אפשר ?! וועל איך נאָך! פאַרשאָלטן זאָל ווערן מיין לייב, דריי מאָל, צען מאָל פאַרשאָלטן! (ער שלאָגט זיך הויך, מיט דער פויסט) פאָטער אין הימל, זינדיק בין איך, זינדיק — אָבער פאַרט האָב איך דאָך זוכה געווען דאָס געשריי פון דער וועלט צו דערהערן! ווער האָט געשריען ?! די הימלען האָבן געשריען! די ערד האָט געשריען! די ימען, רויט געוואָרענע פון בלוט, האָבן געיאָמערט! דאָס קלענסטע גרעזל דיינס איז זיך פאַרגאַנגען אין געקלאָג! איבער אַלע וועלטן, איבער אַלע גלגלים האָט עס געשאַלט: דער כוס איז איבערפולט, די שעה פון דערלייזונג איז געקומען! ווער איז דער גואל ?! אַ מאַן, וואָס איז פון פרויען־טראַכט אַרויס, אַ מאַן פון אונדזער דור! און דאָס האָסט דו דאָך מיין האַרץ פאַרן רוף פון דער וועלט דערעפנט! דאָס האָסט דו דאָך מיך אינגאַנצן אין איין גרויסן רוף פאַרוואַנדלט, אין אַ געשריי, וואָס טראָגט זיך און שפרייט זיך אין ווינט, און ווייסט נישט ווי אַזוי און ווייסט נישט וואוהין — ווייל דער ווינט, דאָס ביסט דו! טאָ פאַרוואָס איז דער נס ניט געשען ?! (פויזע) רבונו של עולם, דו שיקסט כסדר משהיתים אויף מיר, רוחות, שדים כל־ערליי — איז רעכט אַזוי, איך ווייס! אַזוי פיל וועלף, תאוות זינדיקע, האַלטן געפאַנגען די נשמה! אַזוי פיל וועגן האָט די סטרא אחרא צו פאַרלאָקערן די הייליקע פונקען! איך וועל תשובה טאָן! איך גיב אַ נדר: מיין לייב, דאָס אומריינע, וועל איך פאַרפייניקן, פאַרפייניקן, פאַרפייניקן! (ער שלאָגט זיך ווידער מיט די פויסטן, ווילד; פאַלט אַוועק אויסגעשעפּט) ענטפער מיר! גיב מיר אַ צייכן! וואו איך בין געגאַנגען, האָסטו מיך געהאַט געפירט! איצט ווייס איך נישט, וואוהין

מיינע טריט צו ריכטן! איך בלאָנדזשע אין דער פינצ־
טערניש! האָב רחמנות אויף מיר, טאַטע־פאָטער!
חטאתי, עוויתי, פשעתי!... (ער מורמלט הייס).

(ס׳עפּנט זיך שטיל אַ טיר און ס׳באַווייזט זיך בנימין.)

בנימין: האַר מיינער!

שבתי: (הויבט אויף דעם קאָפּ; קוקט ווי נישט
געגלויבנדיק די אויגן.)

בנימין: קיניג, משיח, געלויבט זאָל זיין דיין נאָ־
מען!

שבתי: (אין אַ געמורמל) בנימין?!

בנימין: האַר מיינער, קוק נישט אויף מיין טור־
באַן! כ׳וועל מיט עקל אים אַראָפּוואַרפן פון זיך אַזוי
שנעל, ווי כ׳וועל באַווייזן פון דאַנען זיך אַרויסצוקריגן!
איך בין פון אונדזער אמונה נישט אַוועק און אויך פון
דיר נישט, מיין האַר! אדרבה, נאָך קיינמאָל בין איך
אַזוי זיכער נישט געווען, אַז דאָס ביסט דו אונדזער
דערלייזער, משיח צדקנו!

שבתי: (שוואַך) אַן אָפּטריניקער ביסטו געוואָרן,
בנימין...

בנימין: ניין, איך שווער דיר!

שבתי: אַ שונא — צווישן אַלע שונאים!

בנימין: האַר מיינער, איך געהער צו דיר ביזן
לעצטן טראָפּן פון מיין בלוט!

שבתי: טאָ פאַרוואָס־זשע?! פאַרוואָס ביסטו
אַוועק?!

בנימין: כדי צו דערנענטערן דעם קץ, דערליי־
זער אונדזערער! כדי ס׳זאָל מקוים ווערן דאָס, וואָס
איז געשריבן! כ׳האָב געוואוסט, פון אַט דעם פּאַלאַץ
מוז זיך עפענען אַ נייער וועג און כדי צו קאָנען נע־
ענטער צו דיר זיין, האָב איך זיך פון דיר דערווייטערט.
קיניג, אַ שעת הכושר איז באַשטימט פון גאָט! איצט
זעסטו שוין אַליין — נישט מיט וואָרט און נישט מיט
געזאַנג וועט ישמעאל דיר אומקערן די קרוין!

שבתי: האָסט נעכטן צוגעזען מיין שאַנד׳...

בנימין: די שאַנד וועט פאַלן אויפן קאָפּ פון די, וואָס האָבן דיך געוואָלט פאַרשעמען!

שבתי: דער נס איז ניט געשען...

בנימין: ער איז געשען, מיין האַר! דאָס פאָלק האָט אויפגעוואַכט!

שבתי: שוין זיינען פיילן גרייט פאַר מיין ברוסט...

בנימין: זיי וועלן דיך נישט דערגרייכן!

שבתי: פאַקלען ברענען ביים גרייטן שייטער־הויפן...

בנימין: נישט דיך וועלן די פלאַמען פאַרצערן!

שבתי: גלויבסט, ס׳וועט אַ וואונדער נאָך קו־מען?

בנימין: איך בין זיכער!

שבתי: ביים גורל־פּרוּוו פון סולטאַן?!

בנימין: ביי אַ צווייטן גורל־פּרוּוו!

שבתי: רייד קלאָרער!

בנימין: האַר מיינער, איך בין געקומען דיר זאָגן: אַנטרינן פון די הענט פון סולטאַן!

שבתי: אַנטרינען?!... אַנטרינען פון דאַנען?!...

(זיין גאַנצע אויסגעשעפּטקייט פאַרשווינדט, ער ווערט אויפמערקזאַם און געשפּאַנט) ווי אַזוי?! יעדע שוועל איז דאָ באַוואַכט!

בנימין: גאָלד וועט מאַכן טויב די וועכטער און בלינד די היטער.

שבתי: דער פּאַלאַץ איז אַרומגערינגלט פון יאַ־ניטשאַרן!

בנימין: אַ פאַרבאָרגענער דורכגאַנג פירט פון פּאַלאַץ אַרויס. ביים אַרויסגאַנג, שוין הינטער דער שטאָט, צווישן בוימער געדיכטע, וועלן וואַרטן פערד באַזאָטלטע און רייטער. ווי אַ פייל אויסן בויגן וועסטו אַוועק און פאַרשווינדן!

שבתי: (גלויבט זיך אַליין נישט) איז עס וואָר?!

בנימין: וואָר, מיין האַר! איך שווער דיר!

שבתי: (מיט חשד) בנימין, דו טראָגסט דעם טור־באַן...

בנימין: דאַרף איך אויפשניידן מיין האַרץ, כדי דו זאָלסט זען, אַז איך בין ערלעך?!

שבתי. (מורמלט) בנימין, בנימין... (וואַרפט זיך פלוצלינג אין דיינע אָרעמס צעוויינט זיך) ראַטעווע מיך, בנימין! זיי מיך מציל! נעם מיך אַרויס פון דאַנען!

בנימין: וועסט אַרויס, מיין האַר.

שבתי: כ׳וויל אַוועק! ווייט פון אַלץ! ווייט פון אַלעמען! אין מדבר זיך באַהאַלטן! ווי אַ נזיר, אָפּ־געשיידט פון גאַר דער וועלט! כ׳וויל זיין אַליין! אַליין, מיט גאָט! אַליין מיט די סודות פון דער יצירה! אַליין!... (שלוכצט)

בנימין: (שטיל) האַר מיינער, דאָס איז נישט מעג־לעך...

שבתי: פאַרוואָס נישט?! האָב איך דען ניט חדשים־לאַנג, יאָרן־לאַנג התבודדות געפירט — אין תפילה, אין תעניתים, אין סיגופים?!

בנימין: אַמאָל, מיין האַר, אָבער נישט איצט!

שבתי: און פאַרוואָס נישט איצט?!

בנימין: ווייל דו ביסט נתגלה געוואָרן און באַ־לאַנגסט נישט מער צו זיך. קאָנסט נישט מער אַוועק פון זיך!

שבתי: פאַרשאָלטן זאָל ווערן די שעה, ווען איך בין אויף דער וועלט געקומען! פאַרשאָלטן זאָל ווערן די רגע, ווען איך האָב דערזען די ליכטיקע שיין! און צען מאָל פאַרשאָלטן, הונדערט מאָל, דער טאָג, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל אַרויסגעבראַכט אויף מיינע זינדיקע ליפּן דעם ברענענדיק־הייליקן נאָמען פון אונ־דזער גאָט! פאַרוואָס בין איך דאַן נישט פאַרצערט גע־וואָרן אויפן אָרט, ווי דורך אַ דונער געטראָפן?!

בנימין: אָבער דו ביסט נישט פֿאַרצערט געוואָרן, הגם דו האָסט דעם הייליקן נאָמען אויף דיינע ליפּן געבראַכט, — ווייל דו ביסט אונדזער הערלייזער! משיח בן דוד ביסטו!

שבתי: איך בין דערנידעריקט געוואָרן, פֿאַרחוזקט, פֿאַרשפּיגן!

בנימין: משיח מוז דערנידעריקט ווערן, מוז פֿאַרחוזקט ווערן, מוז פֿאַרשפּיגן ווערן! משיח בן דוד ביסטו!

שבתי: מיין גאַנץ האַרץ האָב איך אויסגעוויינט! טרערן פֿון בלוט זיינען פֿון מיינע אויגן געפֿלאָסן!

בנימין: משיח איז דאָס האַרץ פֿון דער וועלט! ער דאַרף אויסוויינען אַלע טרערן פֿונעם בלוט, וואָס איז אומשולדיק פֿאַרגאָסן! דו ביסט משיח בן דוד! האַר מיינער, באַלד וועסטו זיין ווייט פֿון דאַנען, אין זיבערער שוך. און פֿון דאָרט וועט, ווייט און ברייט, פֿאַנאַנדערטראָגן זיך דיין רוף! איצט באַנעם איך אַזוי גוט דעם זין פֿון דעם, וואָס איז געשריבן! משיח בן דוד וועט מלחמה האַלטן מיט גאָטס וואָרט און מיט געזאַנג, — יאָ, אַזוי וועט עס זיין — אָבער דאָס פֿאָלק — מיט שווערד און מיט שפּיז! האָט דען משה רבינו אַנדערש געטאָן?! האָט דען יהושע בן נון אַנדערש געטאָן?! זיי האָבן די הענט געהויבן צום הימל, כדי שטאַרק צו מאַכן דעם אָרעם פֿון פֿאָלק! דעם שטרייט פֿון גאָט דאַרף אויסשטרייטן דאָס פֿאָלק! קיניג, אַלץ איז גרייט: אויך געווער! ס'וואַרטן שוין מחנות באַוואָפֿנטע, און, אויף דיין וואָרט, וועל איך דער ערשטער אויפֿהויבן די שווערד! די פֿעלקער פֿון קרייץ האָבן דיין מאַכט אָנערקענט און זיינען מיט אונדז!

שבתי: מחנות באַוואָפֿנטע?!!

בנימין: יאָ, האַר מיינער! משיח בן יוסף דאַרף פֿאַלן ביי די טויערן פֿון ירושלים! ווער איז משיח בן

יוסף?! אויב עמיק, וואָס דאַרף זיך נאָך באַווייזן, וועלן מיר אים דערקענען! אויב ער איז עמיק, וואָס גייט אום צווישן אונדז, אויב דאָס בין איך...

שבתי: דו, בנימין?!!

בנימין: איך, קיניג — דער אומווירדיקסטער, אָבער געטרייסטער פון אַלע דיינע קנעכט!

(ער עפנט זיך שטיל אַ טיר, און ס׳באַווייזט זיך סאַראַ; זי בלייבט שטיין פון ווייטן און הערט זיך צו.)

בנימין: האַר מיינער, אויב דאָס בין איך, וועל איך ביזן לעצטן אָטעם זינגען שירה פאַרן זכות פון זיין אַ שותף צו דער גאולה, פאַרן זכות פון קאָנען אָפּגעבן דאָס לעבן, כדי דו, קיניג אונדזערער, זאָלסט אַרויפגיין אויפן טראָן פון ירושלים! זאָג נאָר איין וואָרט! כ׳דאַרף בלויז אַ סימן געבן, דורך אַט דעם פענצטער, און מען וועט נאָך דיר קומען!

שבתי: (אומרואיק) אַ סימן?!

בנימין: יאָ, זעסט?... (ער פירט אים צו צום פענצטער) אַט דאָרט, צווישן די זעלנער, געפינט זיך אַ שליח.

שבתי: (אַלץ מער אומרואיק) ווער?!...

בנימין: איך ווייס נישט. איך קען אים נישט. ער וואַרט אויף מיין צייכן.

שבתי: (אָטעמט שווער) אַ צייכן?!...

בנימין: כ׳דאַרף אויפהויבן און אַראָפּלאָזן דריי מאָל מיין טורבאַן. (טוט אויס דעם טורבאַן, מאַכט די באַוועגונגען נעבן שבתין, דערנעענטערט זיך צום פענצ־טער) זאָל איך, האַר מיינער?! זאָל איך?! (שבתי שווייגט, שלאָגט זיך מיט דער דעה, פאַרמאַכט די אויגן, מורמלט עפּעס) יאָ? איאָ?!... (שבתי שווייגט אַלץ) ענטפער מיר, איך בעט דיך! (שבתי שווייגט כסדר) האַר מיינער, דו הערסט מיך? עס קאָן, חלילה, ווערן שפּעט!

שבתי: (שטיל) בנימין...

בנימין: יאָ?! זאָל איך?! (ער הויבט אויף דעם טורבאַן צום פענצטער.)

שבתי: בנימין!... ביסט נישט אויסן — מיך פאַרראַטן... נאָך אַ מאָל?! שווער מיר!

בנימין: איך שווער, מיין האַר! ביי אַלץ, וואָס איז מיר הייליק! ביי אַלץ, וואָס אונדז איז הייליק!

שבתי: האָסט ווידער אמונה אין מיר?

בנימין: יאָ, יאָ, האַר מיינער! זאָל איך געבן דעם צייכן?

שבתי: וואַרט! בנימין, אויב דו גלויבסט, אַז איך בין משיח בן דוד, טאָ צו וואָס אַנטרינען?! פאַר־וואָס גלויבסטו נישט, אַז דאָ, אין פּאַלאַץ פון סולטאַן, דאָ וואו דער גורל האָט מיך געבראַכט נאָך יאָרן וואַרטן — אַז דאָ קאָן דער נס געשען?!

בנימין: אָבער, קיניג...

סאַראַ: (הוין) דער נס קאָן געשען! ער מוז געשען! ער וועט געשען!

שבתי: סאַראַ!

בנימין: מלכה!

סאַראַ: (צו שבתין) אונדזערע ברידער האָבן מיך אַהער געבראַכט, די וואָך אונטערגעקויפט, מיך צו דיר געשיקט, מיין האַר!

שבתי: אָ, סאַראַ, ווען דו וואָלסט וויסן...

סאַראַ: איך וויים. ס'איז אַ ליל־שמורים היינט, אַ וואָך־נאַכט אויף דער וועלט! נישט בלויז אַליין די ברידער אונדזערע וואַכן, אין מחנות פאַרזאַמלטע אַרום פּאַלאַץ! עס וואַכט די ערד, די הימלען וואַכן, די שטערנס וואַכן!

בנימין: (אומרייסט) קיניג, דער צייכן...

סאַראַ: ניין, בנימין! גאָט וועט באַלד זיין צייכן געבן! אָט דאָ, וואו מיר שטייען איצט!

בנימין: מלכה, פאַרציי! אָבער ..

סאַראַ: שווייג! ווען איך בין אַריין אַהער און האָב דיך דערזען געבן אונדזער האַר, אין דעם גרינעם טורבאַן, האָסטו מיר אויסגעזען — אַ שלאַנג אַ בלור־טיק־גיפּטיקע!

בנימין: מלכה...

סאַראַ: דערנאָך האָב איך דיך ריידן געהערט און כ׳האָב פאַרמאַכט די אויגן און דיין בלוט געזען און יעם ריח פון דיין בלוט דערשפּירט — אויסטערליש! קום נעענטער, בנימין! (ער דערנעענטערט זיך אומ־דרייסט) באַריר מיין האַנט! (ער פאָלגט; זי פאַרמאַכט אַ ווייקע די אויגן) וואונדערלעך! ס׳איז מער נישט דאָס בלוט פון אַ רוצח! (זי קוקט אים אָן מיט חידוש, באַלד נאָך צאָרטקייט) בנימין, כ׳האָב דיך נאָך קיינמאָל אַזוי נישט געזען...

בנימין: (טוט אַ פאַל צו איר די פיס) איך בין נישט קיין אַפּטריניקער, מלכה! איך בין נישט קיין אַפּטרי־ניקער! (קלאַפּט זיך אין האַרצן; שלוכצט). אָבער די מלחמה פון גאָט...

סאַראַ: דאָ איז משיח בן דוד! (צו שבתין) האַר מיינער, אין ערגעץ טאָרסטו נישט אַנטרינען! דער נס וועט דאָ געשען! און איז ער דען שוין ניט געשען?! איז דען נישט אמת, אַז נעכטן, אין דער רגע, ווען מען האָט דיך, אַ געשמידטן אין קייטן, צוגעפירט צום שוועל פון פּאַלאַץ, האָט די זון זיך דעם פּנים פאַרשטעלט און איז טונקל געוואָרן?! איז עס אמת, אָדער נישט?! ענטפער, בנימין!

בנימין: ס׳איז אמת.

שבתי: סאַראַ, אַ בלוטיקער גורל־פּרואוו איז פאַר מיר געגרייט.

סאַראַ. איז דען ניט שוין אַזאַ אונדזער גורל, מיין האַר?! אַלע פּרואוון אונדזערע זיינען תמיד גרויזאַם־בלוטיקע און דאָך — שטייען מיר זיי בײַ! אויב גאָט

קאַן אויסלעשן די שטראַלן פון דער ליכטיקער זון, צוליב דיר — טאַ וואָס גילט פאַר אים דער נישטי־קער פלאַם פון אַ נישטיקן פאַקל ?!

שבתי: פילן שטאַלענע זיינען געצילט אויף מיין האַרץ...

סאַראַ: האָסט פאַרגעסן די שטאָט סמירנע, מיין האַר ?! ווען די יאַניטשאַרן זיינען געקומען דיך אין קייטן שמידן, איז זייערע הענט באַפאַלן אַזאַ ציטער, אַז זיי האָבן באין אופן נישט געקאָנט די קייטן דיר אָנטאָן און פאַר פחד איז איין יאַניטשאַר אין חלשות געפאַלן. אַזוי וועט אויך געטאָן ווערן מיט די הענט פון די פיילנשיסער!

שבתי: און טאָמער נישט ?!

סאַראַ: אין סאַלאָניקי, מיין האַר, געדענקסטו ?! ווען מיר זיינען אַרומגערינגלט פון פאָלק, אונטער מו־זיק און געזאַנג, אין שול געגאַנגען, האָט אַן אומגלויי־ביקער, אין שוימענדיקן האַס, אין דיר אַ קינזשאַל גע־שלידערט. איז ניט דער קינזשאַל אָפּגעשפּרונגען פון דיין לייב ?! אַזוי וועט אויך געטאָן ווערן מיט דעם סולטאַנס פיילן!

שבתי: איך פיל מיך שוואַך, סאַראַ, שוואַך און שווערגעמיטיק....

סאַראַ: משיח מוז ניט שטאַרק זיין, מיין האַר, ער מוז נאָר זיין גלויביק! איז עס נישט אַ גרויסער נס, וואָס ניט בלויז אונדזער פאָלק, נאָר אויך די פעל־קער פון דער וועלט, די פרעמד־אמונהדיקע, די פיינט־לעכע, האָבן דיך דערקענט און זיי אַכפּערן דיין נאָ־מען ?! איז עס אַ נס, אָדער נישט ?! ענטפער, בנימין!

בנימין: יאָ, מלכה, דאָס איז אַ נס.

סאַראַ: און איז דען נישט אַ נס, ווי וואונדער־לעך עס איז מקוים געוואָרן דאָס, וואָס איז געשריבן: משיח וועט פאַר אַ ווייב נעמען אַ פרוי פון שלעכטע

זיטן, אַ גאַסן־פּרוי ?! דורך וויפל שטעט, דורך וויפל לענדער האָב איך מיין פאַראומרייניקט לייב אַרומגע־פירט. כדי דיך צו דערגרייכן, מיין קיניג! און דער־גרייכט האָב איך דיך — כדי די פאָן פון גאָטס מלחמה הויך פאַר דיינע אויגן צו האַלטן, כדי דעם שופר פון גאולה צו טראָגן גרייט אין דער האַנט! און דערגרייכט האָב איך דיך — כדי איבגאַנצן דיין פאָן צו ווערן, האַר מיינער, משיח, איך, די פרוי פון שלעכטע זיטן!

(נעמט אים אַרום, קושט אים) און דו, קיניג, מיט וויפל פרויען האָסטו געמוזט זיך שיידן, ווייל דו האָסט נישט געקאָנט מיט זיי זיך באַהעפטן, זייער לייב באַרירן, אייִ־דער דו האָסט מיך באַקענט און מיט מיר זיך באַהעפט און ערשט דאַן געוואָרן ווי אַ יונגער הירש און יונג־פרויען באַפרוכפּערט אין הייליקייט פון אויסגעלאָשענע ליכט! איז עס נישט אַ נס ?!

שבתי: יאָ, מלכה. דאָס איז אַ נס.

סאַראַ: און איז נישט אַ נס די נבואה פונעם אַלטן כתב ?!

שבתי: (מיט פרייד) דער כתב! יאָ, דער כתב! (הויבט אָן זוכן פיבערהאַפט אין זיינע בגדים.)

סאַראַ: מיט פיל הונדערטער יאָרן צוריק האָט אַ הייליקער מאַן, אין מדבר, פאַרשריבן אויף פאַרמעט אַ וואונדערלעכע זעאונג, וואָס ער האָט געהאַט...

שבתי: (זוכנדיק) דער אַלטער כתב! וואו איז דער כתב ?!

סאַראַ: איך געדענק יעדעס וואָרט, מיין האַר. (זי פאַרמאַכט די אויגן און רעדט מיט דערהויבנקייט) אָט האָט זיך אַ שטים געלאָזט הערן: זיי וויסן, אַז אין יאָר פינף טויזנט דריי הונדערט זעקס־און־צוואַנציק פון־נעם וועלט־באַשאַף וועט ביי מרדכי צבי אַ זון גע־בוירן ווערן און אַ נאָמען וועט מען אים געבן שבתי...

שבתי: (חזרט ווי אין אַ חלום) שבתי...

סאַראַ: (ווי פריער) ער וועט מאַכן אונטערטעניק דאָס גרויסע בייז, וועט בייקומען דעם גרויסן שלאַנג. ער איז דער אמתער משיח.

בנימין: (הייס) משיח! משיח בן דוד!

סאַראַ: (ווי פריער) נישט מיט גבורה פון די הענט וועט ער מלחמה פירן. אויף אַ קליין אייזעלע וועט ער שטייגן פון צוריק צו צוריק. זיין קיניגרייך וועט געוועלטיקן אין אַלע אייביקייטן און חוץ אים — אין גואל לישראל, נישטאָ קיין דערלייזער ביי יידן!

שבתי: (האָט לסוף געפונען) דער כתב! אָט איז דער כתב! (זיי בויגן זיך אַלע דריי אַריבער איבער אַ שטיקל פאַרמעט.)

סאַראַ: ווי לאַנג איז אָט דער פאַרמעט געלעגן אין מדבר באַהאַלטן, אין אַן ערדענעם טאָפּ?! אפשר טויזנט יאָר, אפשר מער! ביז אונדזער פיין, אונדזער בלוט האָבן דיך געבראַכט, האַר אונדזערער, שבתי, דער זון פון מרדכי צבי! איז עס נישט אַ נס?!

שבתי: יאָ, מלכה, דאָס איז אַ נס.

סאַראַ: גאָט האָט דיך דערפירט אַהער. ווער איז דען דערגאַנגען ביזן פנים פון סולטאַן?! דו ביסט דערגאַנגען: גאָט האָט דיך געפירט, דאָס פאָלק האָט דיך באַגלייט! דאָ, אין פּאַלאַץ, וועט דער לעצטער נס געשען!!

שבתי: (פאַמעלעך) מלכה, געבענטשט זאָל זיין דיין נאָמען! (און שטילער) איך וויל תפילה טאָן...
(ווי אין האַלב־באַוואוסטזיין, גייט ער אָפּ אין אַ זייט, פאַלט אויף דער ערד, פאַרשטעלט זיך דעם פנים.)

סאַראַ: (שטיל) בנימין!

בנימין: מלכה?

סאַראַ: בנימין, מיט וואָס האָסטו דעם ריח פון דיין בלוט פאַרענדערט?

בנימין: איך ווייס נישט, מלכה... אפשר — מיט איינזאַמקייט. ס׳איז אַזוי שרעקלעך איינזאַם צו זיין, אָפּגעזונדערט פון דער עדה, וואָס מען איז פלייש פון איר פלייש און בלוט פון איר בלוט!

סאַראַ: איז דאָס אַלץ?...

בנימין: אפשר אויך — מיט אמונה, מלכה. טיף אין מיין האַרצן האָט ליכט מיט פינצטערניש געשטריט. דאָס ליכט האָט גובר געווען.

סאַראַ: מיט אמונה! געוויס!

בנימין: (שטילער) אפשר אויך — מיט בענקשאַפט. יעדער אבער מיינער, יעדער טראָפּן פון מיין בלוט האָט פון בענקשאַפט געגאָגט — צו דיר, מלכה!

סאַראַ: וואוינסטו דאָ אין פּאַלאַץ, בנימין?

בנימין: יאָ. איך האָב אַ חדר פאַר מיר. (פּויזע)

מלכה: (זי קוקט אים אָן שווייגנדיק) און טאָמער... טאָמער וועט דער גורל־פּרוואו נישט זיין געוואונען?!

סאַראַ: וועט דאַן משיח בן יוסף פאַלן ביי די טויערן פון ירושלים. קום!

(זיי גייען ביידע שטיל אַרויס; פּויזע.)

שבתי: (הויבט זיך האַלב אויף) רבונו של עולם, געלויבט זאָל זיין דיין נאָמען! דיין קנעכט בין איך! איך, שבתי, דער זון פון מרדכי צבי, געבוירן אינעם יאָר פינף טויזנט דריי הונדערט זעקס־און־אַכציק פון נעם וועלט־באַשאַף! געלויבט זאָל זיין דיין הייליקער ווילן! טאַטע־פאָטער, איך בעט ביי דיר אַ סימן, ווייל עס פלאַטערט אַלץ מיין האַרץ! איין סימן, בלויז איינעם נאָך! טו צו מיר דיין ווילן אַנטפּלעקן! וועסט מיר ענטפערן, פאָטער אין הימל?

(ער הערט זיך אָנגעשטרענגט צו; די נאַכט איז פאַרביי, ס׳הויבט אָן טאָגן; פון הינטער דער בינע דערטראָגט זיך פּלוצלינג אַן איינטאָניק, שטיל געזאַנג — דאָס רופט דער מו־עדזין די רעכטגלויביקע צו דער פרימאָרגן־תפילה.)

שבתי: דער מועדזין! דער ערשטער זונען־שטראַל! איז דאָס דער סימן?! ווי אויסטערליש עס זינגען דיינע ווערטן, רבונו של עולם! די זון גייט אויף פאַר מיר היינט?! די זון פון גאולה?! איך בין גרייט, טאַטע־פאָטער! גרייט דיין שטרייט צו שטרייטן, דיין מלחמה — מלחמה צו האַלטן! איך בין גרייט!

(ער ציט זיך ווילדער אויס, שלאָגט זיך אין ברוסט, מורמלט היים; דאָס געזאַנג פון מועדזין הערט זיך כסדר.)

פאָרהאַנג

## בילד צוויי

דער זעלבער זאַל. ס׳איז שוין גרויסער טאָג. שבתי, אויף אַ הויפן קישנס, דרימלט. ס׳קומט אַריין אַ מאַן, אין אַ גרינעם טורבאַן, און דערנעענטערט זיך צו אים.

דער מאַן: מיין האַר!

שבתי: (עפנט די אויגן, קוקט פאַרוואונדערט.)

דער מאַן: זיי גרייט, מיין האַר!

שבתי: (טוט זיך אַ זעץ־אויף) ווער ביסטו?!

דער מאַן: הויף־דאָקטאָר פון פאַטער־פאַדישאַך.

שבתי: דער רופא זאַדי?!

זאַדי: יאָ. און הגם איך האָב אַמאָל געהערט צו דיין אמונה, בין איך דיר קיין שונא נישט. דאָס האָב איך, נעכטן, אַהער אַריינגעפירט דיין פרוי. אויך דיין תלמיד איז מיט מיר. די גאַנצע נאַכט געפירט וויכוחים.

שבתי: מיין תלמיד?!

זאַדי: שלמה. מיין האַר, איך קום אויפן באַפעל פונעם פאַטער־פאַדישאַך. באַלד וועט ער דאָ זיין, מיטן גאַנצן הויף. ביסטו גרייט?

שבתי: (רואיק) איך בין גרייט.

זאַדי: פאַרציי, כ׳דאַרף אויספירן דעם באַפעל, וואָס מיר איז געגעבן...

שבתי: פיר אויס!

זאַדי: צוויי הונדערט פיילנשיסער, פון די בעסטע אין לאַנד, זיינען אין הויף פון פאַלאַץ פאַרזאַמלט. פון זיי וועט מען באַלד אויסוויילן פיר — די בעסטע פון די בעסטע. ווייסטו צו וואָס?

שבתי: איך ווייס.

זאַדי: קום אַהער, מיין האַר. (פירט אים צו צום פענצטער) הינטער די שיסער, אין רויטן — זעסט?

שבתי: איך זע. תלינים.

זאַדי: די גרעסטע מייסטער פון דער מדינה, די איינפּאַל־רייכסטע — אויף פאַרשאַפן יסורים און טויט. וויסטו צו וואָס זיי זיינען פאַרזאַמלט?

שבתי: איך ווייס.

זאַדי: כ׳בין נישט אויסן צו שרעקן דיך, מיין האַר. איך פיר בלויז אויס אַ באַפעל. אויב ס׳איז אמת, אַז דו קאָנסט נסים באַווייזן, טאָ באַווייז! בלויז אַ וואונדער קאָן דיך ראַטעווען און דערלייזן דיין פאָלק!

שבתי: דאָס וואָס דאַרף געשען, וועט געשען. געלויבט זאָל זיין דער נאָמען פון גאָט!

זאַדי: (קוקט אים אָן אַ ווײַלע) אָמן! (גייט צום אַרויסגאַנג, שטעלט זיך אָפּ, קלערט אַ ווײַלע) האַר מיינער!

שבתי: יאָ?

זאַדי: דיין תלמיד גלויבט: נישט בלויז דיין פאָלק וועסטו דערלייזן, ס׳וועט דערלייזט ווערן די גאַנצע וועלט. (שבתי קוקט אויף אים רואיק, רופט זיך נישט אָפּ) וויל איך דיר זאָגן, מיין האַר: אויב דו ביסט באמת דער, וואָס דאַרף קומען, דערמאָן זיך — אין די צייטן פון ישוע הנוצרי איז די וועלט גע־ווען... רויק! און כדי די וועלט צו דערלייזן, האָט דער נוצרי, און די תלמידים זיינע, פאַרלאָזן זייער פאָלק און זיינען געגאַנגען — קיין רוים.

שבתי: צו וואָס זאָגסטו עס, רופא?

זאַדי: ווייל היינט, איז די וועלט — נישט די, וואָס פאַרגייט אין רשעות, נאָר די, וואָס גייט אויף צווישן אַלע פיר ימים — היינט איז אָט־די וועלט... דער גרינער טורבאַן! (שבתי שווייגט, פאַרטראַכט)

האַר מיינער, דיין תלמיד וויל דיך זען. זאָל איך אים אַריינפירן?

שבתי: פיר אים אַריין.

זאַדי: (עפנט אַ זייטיקע טיר, מאַכט אַ צייכן; ס'קומט אַריין שלמה; זאַדי זאָגט צו אים) אָבער נישט אויף לאַנג!

שלמה: (לאָזט זיך צו שבתין, פאַלט אים צו די פיס, קושט דעם זוים פון זיין קלייד) דערלייזער אונדזערער! קיניג! משיח! באַלד וועט אויסשלאָגן די גרויסע שעה! מחנות ברידער אונדזערע זיינען פאַרזאַמלט אַנטקעגן פאַלאַץ!

שבתי: (פייערלעך) שלמה, גיי און זאָג דעם פאָלק: באַגינען, צוגלייך מיט זון־אויפגאַנג, האָט זיך אַ בת־קול געלאָזט צו מיר הערן — שבתי, זון פון מרדכי צבי, ס'איז געקומען דער טאָג פון דערלייזונג! נעם דעם אַלטן מדבר־כתב און שפרייט אים אויס אויף דיין ברוסט, ער וועט אַ שילד דיר זיין און אַ פאַנצער קעגן אַלדאָס בייז! אַזוי האָט געזאָגט דער בת־קול און אַזוי האָב איך געטאָן. זע, שלמה, זע און דערצייל דעם פאָלק! (צעעפנט דאָס קלייד איבער דער ברוסט) דער אַלטער פאַרמעט פון מדבר, דער אַלטער כתב — אָט איז ער, אויף מיין ברוסט אויסגעשפרייט! גאָטס וואָרט — קעגן די פיילן פון בייז!

זאַדי: נעם מיר נישט פאַר אומגוט, מיין האַר. אויב דער פאַרמעט־כתב איז דיין איינציקער שילד, דיין איינציקער פאַנצער — דאַן איז דיין ברוסט אומבאַשיצט!

שבתי: וואָס הייסט עס?!

זאַדי: ס'טוט מיר לייד, מיין האַר. דער אַלטער פאַרמעט — איז קיין אַלטער נישט. דער מדבר־כתב איז אַ פאַלשער כתב!

**שבתי:** (שטאָלץ) שלמה, זאָג דעם אַפּטריניקן, זאָג דעם, וואָס האָט זיין אמונה און זיין פאָלק פאַרראַטן, אַז אויב ער איז אויסן מיין האַרץ צו דערשיטערן — איז ער זיך טועה!

**זאַדי:** ניין, מיין האַר. איך ווינטש דיר נישט קיין שלעכטס. אפילו פאַר די זידל־רייד האָב איך נישט פאַריבל. אָבער דער כתב איז פאָרט אַ געפעלשטער. מיר גלויבסטו נישט, איך בין פון מיין אַלטער אמונה אַוועק — זאָל זיין אַזוי. אָט שטייט דיין תלמיד. ביי אים פרעג!

**שבתי:** שלמה, וואָס באַטייט עס?! דער משומד האָט אַ בלבול אויסגעטראַכט, נישט אמת?! (שלמה שטייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ; שבתי ווערט אַלץ מער אומרואיק) פאַרוואָס שווייגסטו, שלמה?! דער כתב, דער אַלטער מדבר־כתב — ער איז אַן אמתער?! (שלמה שווייגט אַלץ; פויזע).

**זאַדי:** לאַנג שוין, ווי איך האָב די זאַך נאָכגעפאָרשט, מיין האַר. נישט מיט בייזוויליקייט, איך שווער דיר! בלויז אויס ליבע צום אמת. איך ווייס, די וועלט דאַרף אויפכניי אַ דערלייזער, און אויב דו ביסט עס, וועל איך, צוגלייך מיט אַלעמען, דעם קאָפּ פאַר דיר בויגן. אָבער דער כתב איז אַ פאַלשער. אַ סופר אַ געניטער האָט אים נישט לאַנג פאַרפאַסט. קונציק נאָכגעמאַכט אַלטן שריפט אויף אַן אַלטן שטיק פאַרמעט. דיין תלמיד ווייסט עס, פונקט ווי איך. ער קען דעם נאָמען פון פעלשער. אויך וועגן דעם האָבן מיר גערעדט די היינטיקע נאַכט.

**שבתי:** (אינגאַנצן דערשיטערט) ס'איז אמת?!... האָסט עס געוואוסט?!... (שלמה שווייגט) פאַרוואָס האָסטו געשוויגן?! פאַרוואָס האָט איר אַלע געשוויגן?! פאַרוואָס האָט איר חוזק געמאַכט פון מיר?!

**שלמה:** חלילה, האר מיינער! ס'איז אַ סוד געוועזן?! אום דער אמונה וועגן!

**שבתי:** (האָט אַדורכגעלעזן דעם כתב פון הינטער זיין קלייד, באַטראַכט אים; מורמלט) נאָכגעמאַכט, געפעלשט — די אותיות, די ווערטער, די זאַגונג?! הייסט עס, נישט געווען גאָר קיינמאָל קיין שטים וועגן שבתי, דעם זון פון מרדכי צבי?! הייסט עס, נישט ער וועט אונטערטעניק מאַכן דאָס גרויסע בייז?! הייסט עס, ס'איז קיינמאָל נישט געזאָגט געוואָרן: חוץ אים איז נישטאָ קיין דערלייזער ביי יידן?!

**שלמה:** האר מיינער, ס'זאָגן דאָך עס אַלע פעלקער פון דער וועלט!

**שבתי:** שוויג, שלמה, שוויג! וואו איז דער גרענעץ צווישן אמת און פאַלש?!

**שלמה:** איין איינציקער גרענעץ, מיין האר: דאָס וואָס שטאַרקט די אמונה און דאָס, חלילה, וואָס שוואַכט די אמונה אָפּ!

**שבתי:** (מאַכט עטלעכע טריט, טוט זיך אַ וואַקל ווי פון שכרות) רבונו של עולם, העלף מיר! העלף מיר! (פויזע; פלוצלונג באַשליסט ער זיך) איך וויל אוועק! איך וויל אַנטלויפן! אַנטרינען פון דאַנען! (ער לאָזט זיך פיבערהאַפט צו זאַדין, רייסט ביי אים אַראָפּ דעם טורבאַן פון קאָפּ, לויפט־צו צו איין פענצטער, דערנאָך צו אַ צווייטן, הויבט אויף און לאָזט אַראָפּ דעם טורבאַן, מורמלענדיק) איינס, צוויי, דריי! (חזרט איבער דאָס זעלבע עטלעכע מאָל).

**שלמה:** (אומרואיק) האַר מיינער, וואָס איז מיט דיר?!

**שבתי:** אַ צייכן! אַ סימן! אַלץ איז גרייט מיך צו באַפרייען! אַוועקנעמען מיך פון דאַנען! כ'דאַרף בלויז געבן דעם צייכן! אָט, זע! (הויבט אויף און לאָזט אַראָפּ דעם טורבאַן) באַלד וועט מען נאָך מיר

קומען! דורך אַ הייל אַ פאַרבאָרגענער מיך אַרויס־פירן!

זאַדי: אומזיסט, מיין האַר. קיינער וועט נישט קומען.

שבתי: אַלץ איז גרייט געווען ביינאַכט!

זאַדי: ביינאַכט — אפשר! כ'האָב טאַקע געהערט עפּעס דערוועגן. אָבער איצט איז פרימאָרגן. און די וואַכן אַלע האָט מען באַגינען געביטן.

שבתי: (פאַמעלעך) האַ, אין אַ שטייג געפאַנגען?! די טירן פאַרקלאַפּט, די שלעסער פאַרשלאָסן?! נישט אַרויסצורייסן זיך אין ערגעץ מער?!

שלמה: האַר מיינער, דער לעצטער נסיון איז עס! באַלד וועט געשען דער גרויסער וואונדער!

שבתי: (מיד) גיי, שלמה, גיי מיט גאָט! אויך דו, רופא! לאָזט מיך אַליין!

(שלמה און זאַדי גייען שטיל אַרויס.)

שבתי: (קוקט זיך אַרום, ווערט ווי איינגעבויגן, אַ פּחד באַוויזט זיך אין זיין בליק) ווידער — די שאָטנס אַרום! ווידער — דאָס געלעכטער פון גיהינום! (ער הערט זיך צו אַ ווייל, פאַרמאַכט די אויגן און, שטיל) אַ, מעליסעלדאַ, וואו ביסטו, שוועסטער מיינע?! וואו ביסטו, מיין געליבטע?! אַ שטורעם־ווינט איז אָנגע־לאָפן, די קליידער אַלע אַראָפּגעריסן און דאָס לייב פון דיין געליבטן אַנטבלויזט! מיט ברוסטן נאַקעטע שטייט דיין הירש אַנטקעגן די פיילן פון גאָט! (פּויזע; ער חזרט, ווי נאַכטראַכטנדיק) שבתי, דער זון פון מרדכי צבי, געבוירן אינעם יאָר פינף טויזנט דריי הונדערט זעקס־און־אַכציק פונעם וועלט־באַשאַף... (פלוצלונג שרייט ער אויס) אַ סימן דאַרף איך, גאָט! אַ סימן, אַז איך — בין איך! איך ווייס נישט מער! איך גלויב נישט מער! משיח האָט די אמונה פאַרלוירן! וויי, אַ וויי צו די אומגלויביקע! (פּויזע) טאַטע־פאָטער,

שטראָף מיך נישט פאַר מיינע רייד! האָב רחמנות! פיר מיך פאַר דער האַנט, ווי מען פירט אַ בלינדן, ווייל פול מיט חשכות איז אַרום און איך זע קיין וועג נישט און קיין שטעג! און איינזאַם בין איך, גאָט, איינזאַם, ווי אויסער מיר וואָלט אויף דער וועלט קיין נפש נישט געווען!

זאַדי: (באַווייזט זיך פון אַ זייטיקער טיר) דער סולטאַן קומט!

(הינטער דער בינע הערט זיך אַ באַוועגונג.)

שבתי: גאָט אין הימל, פיר מיך! לערן מיך! שיץ מיך!

מוסטאַפאַ: (דער קאַימאַקאַם, צעעפנט ברייט די הויפט־טיר און רופט אויס) אונדזער פאָטער, דער פאַ־דישאַך! (ס'קומט אַריין דער סולטאַן; נאָך אים, דער גאַנצער הויף; אויך בנימין).

סולטאַן: (זעצט זיך אויפן טראָן) קאַימאַקאַם! (ווייזט אויף שבתין).

מוסטאַפאַ: (צו שבתין) צו די פיס פון פאָטער־פאַדישאַך! (ער שטופט אונטער שבתין, וואָס טוט אַ פאַל אַוועק פאַרן טראָן, ציט זיך אויס אינגאַנצן, דעם פּנים פאַרשטעלט מיט די הענט; דער סולטאַן קוקט אים אָן אַ ווײַלע, אָן איין וואָרט).

סולטאַן: שטעל זיך, יאַהוד!

שבתי: (שווייגנדיק. שטעלט זיך).

סולטאַן: צוליב דיר האָב איך מיין יאָגד היינט פאַרפעלט! כ'בין שלעכט געשלאָפן די נאַכט. כ'האָב ליב, באַגינען, איידער ס'לעשט זיך אויס דער לעצטער שטערן, אַרויפצורייטן אויף אַ באַרג, כדי דער ערשטער — און אַליין — באַגעגענען דעם ערשטן זונען־שטראַל. היינט האָב איך פאַרשלאָפן. צוליב דיר! דו שווייגסט?

שבתי: וואָס דאַרף איך דען זאָגן, פאָטער־פאַ־דישאַך?

סולטאַן: כ'ווייס נישט... דאָס וואָס מען זאָגט געוויינלעך פאַרן טויט.

שבתי: (מיט אַ ציטערדיקן קול) האַר מיינער..

סולטאַן: (הערט אים נישט, מאַכט אַ צייכן צום וויזיר) וויזיר!

וויזיר: פיר עלטסטע פון די פיילנשיסער זיינען גרייט!

סולטאַן: הייס אַריינגיין!

(דער וויזיר גייט צו דער טיר, מאַכט אַ צייכן; עס קו־מען אַריין פיר פיילנשיסער.)

סולטאַן: איך בין לייטזעליק צו דיר, יאָהוד! כ'וואָלט דעם גורל־פרואוו געקאָנט אָנהויבן פונעם שיי־טער. מיינע יונגען קאָנען אויסגעצייכנט זיך אויף פייער־שפּיל! ס'איז אַ ביז גאָר פאַרווילנדיקע שפּיל. מיט פייער — נישט אמת? (שבתי שווייגט) איך פרעג, יאָהוד!

שבתי: (שטיל) כ'ווייס נישט, פאָטער־פאַדישאַך.

סולטאַן: און ביסט גאָרנישט נייגעריק צו וויסן?! (שבתי שווייגט) באמת, איך בין לייטזעליק, הגם כ'האָב צוליב דיר מיין יאַגד היינט פאַרפעלט. מיר הויבן אָן פון די פיילן. ס'וועט אַגב שנעלער זיין. איך לאַנגוויי־ליק מיך דאָ. אַנטבלויז דיין לייב, יאָהוד! (שבתי שטייט אומבאַוועגלעך, דער סולטאַן שרייט ווילד) אַנטבלויז אים זיין לייב!

(עס וואַרפן זיך תיכף אויף שבתין דער קאַימאַקאַם און דער וויזיר און רייסן פון אים אַראָפּ די אויבערשטע בגדים; ער בלייבט שטיין מיט אַן אַנטבלויזטער ברוסט.)

סולטאַן: פיילנשיסער! (זיי שטעלן זיך אויס אַנטקעגן שבתין) שנעל! (זיי שפּאַנען אָן די בויגנס)

שבתי: (וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען ווי פאַרזונקען אין אַ חלום) פאָטער־פאַדישאַך! אַ חסד בעט איך! אַ לעצטן חסד! כ'וויל תפילה טאָן!

סולטאַן: נישט געגוג צייט געהאַט — פון נעכטן אָן?!

שבתי: צום לעצטן מאָל, אַלהעכסטער האַר!

סולטאַן: גוט!

שבתי: (גייט אָפּ אין אַ זייט, פאַרמאַכט די אויגן) רבונו של עולם! גאָט, מיין גאָט! פאַרוואָס האָסטו מיך פאַרלאָזן?! איך רוף בייטאָג און דו ענטפערסט נישט! און ביינאַכט — און נישטאָ קיין שטילונג פאַר מיר! אַ ווירבל־ווינט איז אָנגעקומען און האָט מיינע אויגן פאַרשאָטן און מיך בלינד געמאַכט! דער הייסער אָטעם פון מדבר האָט מיין בלוט אויסגעטריקנט און מיין מוח אין אַ שאַרבן פאַרוואַנדלט: מיין האַרץ איז אויסגעבערענט און לער איז מיין נשמה! מיט וואָס זאָל איך גובר זיין דעם ציטער פון מיין לייב?! און צו וואָס גאָר זאָל איך גובר זיין דעם ציטער פון מיין לייב — אַז הויל איז מיין זעל און לער! גאָט, שענק מיר אַ שטראַל פון אמונה — קעגן פחד פאַרן טויט! שענק מיר אַ שטראַל פון אמונה קעגן פחד פאַרן לעבן! עלנט בין איך, גאָט, און איינזאַם און איך ווייס נישט, פאַר־וואָס כ'האָב מורא מער — פאַר שטאַרבן, צי פאַר לעבן! כ'וויל קאָנען מקריב זיין מיין נפש כדי צו הייליקן דיין נאָמען — אָבער דער קרבן זאָל קיין לעסטערונג נישט זיין! טאַטע־פאָטער, ווי פון אַ גרוב אַ פינצ־טערער רוף איך צו דיר! שיק מיר ליכט! זאָל זיין בדאי ליכט פון פאַרבלענדעניש, אַבי נישט די פינצ־טערקייט, וואָס איז ערגער ווי טויט! גאָט, קער זיך אום צו מיר און לייטזעליק מיך, ענטפער מיר, וואָרום מיר איז ענג! ענטפער מיר גיך! (מורמלט).

זאַדי: פאָטער־פאַדישאַך, הערלויב, אין דיין באַרמהאַרציקייט, צו עפענען די טיר פון באַלקאָן! זאָל צו איב הערגיין די שטים פון זיינע ברידער!

סולטאַן: ווילסט זאָגן: אויך פון דיינע ברידער, זאַדי? גוט, עפן!

זאַדי: (עפנט אַ באַלקאָן־טיר; ס'דערהערט זיך תיכף, פון וויטנס, דאָס געזאַנג פון המון.)

שבתי: (פאַרצווייפלט) פאַרמאַך! פאַרמאַך, רופא! איך קאָן נישט פאַרטראָגן מער זייער געזאַנג! איך קאָן נישט הערן מער זייערע געשרייען! (זאַדי קוקט אים אָן, ניט פאַרשטייענדיק) זיי גלויבן — און איך נישט! זיי גלויבן אין אַ נישטיקייט (ער קלאַפט זיך אין ברוסט), אָבער — זיי גלויבן! (זאַדי פאַרמאַכט די באַלקאָן־טיר.)

סולטאַן: גענוג, יאַהוד! דו ווילסט מיך נישט מער! (צום קאַימאַקאַם) אַהער ברענגט אים! (מוסטאַפאַ און דער וויזיר פירן צו שבתין נעענטער צום טראָן) אַנטקעגן די פיילן! (זיי שטעלן אים קעגן די פיילנשיסער; די פיילנשיסער שפּאַנען ווידער אָן די בויגנס).

שבתי: (וואָס האָט זיך געלאָזט פירן, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, טוט פלוצלונג אַ פאַל צום סולטאַנס פיס) האַר מיינער, פאָטער מיינער, האָב רחמנות!

סולטאַן: (שטעלט זיך אויף) ביי אַללאַה, רחמנות? רחמנות?! דו ווילסט נישט דעם גורל־פּרואוו?!

שבתי: איך בין נישט ראוי צו שטרייטן דעם שטרייט! נישט ראוי מלחמה צו האַלטן די מלחמה פון גאָט!

סולטאַן: די מלחמה פון גאָט?! (ווייזט אויף די פיילנשיסער) האָסט מורא?!

שבתי: איך האָב מורא! לאָז מיך לעבן, האַר מיינער! שענק מיר ס'לעבן!

סולטאַן: האָסטו דען ניט געזאָגט: ביסט דער יידישער קיניג?!

שבתי: ניין, פּאַטער־פּאַדישאַך! דאָס האָבן זיי אַזוי געזאָגט...

סולטאַן: ווער — זיי?!

שבתי: די ברידער מײַנע... איך בין ניט שול־דיק!

סולטאַן: קאַימאַקאַם!

מוסטאַפאַ: מײַן האַר?

סולטאַן: איז דאָ פּאַראַן דער תלמיד זײַנער, דער וואָס איז אַ רעכטגלויביקער געוואָרן?

מוסטאַפאַ: יאָ, פּאַטער־פּאַדישאַך. (ער שטופּט אַרויס בנימינען, וואָס בויגט זיך צו צום סולטאַנס פּיס).

סולטאַן: שטיי אויף! (בנימין גלײַכט זיך אויס) קענסטו דעם מאַן?!

בנימין: יאָ, פּאַטער־פּאַדישאַך. איך קען אים.

סולטאַן: ביסטו זײַן תלמיד געווען?

בנימין: יאָ, פּאַטער־פּאַדישאַך. זײַן תלמיד — ביז אַללאַה האָט מיר די אויגן געעפנט און אין רעכט־גלויבן אַרײַנגעבראַכט.

סולטאַן: האָסט געהערט, וואָס ער זאָגט?

בנימין: געהערט, פּאַטער־פּאַדישאַך.

סולטאַן: האָט ער זיך גערופן יידישער קיניג? (בנימין טראַכט אַ ווײַלע) ענטפער, בײַ אַללאַה! דעם אמת!

בנימין: איך זוך טאַקע דעם אמת, האַר מײַנער, און דעריבער איז מײַן תשובה נישט קיין אויגנבליק־לעכע. זיכער איז — מען האָט אים גערופן יידישער קיניג. אַלע האָבן אים אַזוי גערופן, איך אויך. אָבער, צי ער אַליין האָט וועגן זיך אַזוי געזאָגט — וואָס מער איך טראַכט נאָך און באַמי זיך צו דערמאָנען, אַלץ ווייניקער זיכער בין איך אין דעם.

סולטאַן: (צו שבתין) האָסט געזאָגט: ביסט דער, וואָס דאַרף קומען!

שבתי: ניין, אַלץ זיי! (און האַלב וויינענדיק) געררופן מיך נביא... משיח... אויסגעטראַכט... כתב־ידן געפעלשט... מיך צו שאַנד און שפּאָט געמאַכט... אַ גאָט־געלערנטער בין איך בלויז, פּאָטער־פּאַדישאַך! אין באַשיידנקייט געלעבט, אָפּגעזונדערט פון גאַר דער וועלט... האָבן זיי געחוזקט פון מיר: נסים!

סולטאַן: האָסטו דען נישט געכטן, דו אַליין, אַט־אַ־דאָ פאַר מיין טראָן, וועגן נסים גערעדט?!

שבתי: פאַרצייַ, האַר מיינער! אַ משוגעת עפּעס איז מיך באַפאַלן!

סולטאַן: פאַר אַזאַ משוגעת באַצאָלט מען ביי מיר מיטן לעבן!

שבתי: (ברעכט זיך איינגאַנצן איין, וויינט, שרייט) ניין, ניין, פּאָטער־פּאַדישאַך! רחמנות, האָב רחמנות! אויף די קני בעט איך ביי דיר! זעסט, דעם זוים פון דיין קלייד טו איך קושן! איך וויל ניט שטאַרבן, האַר מיינער! כ׳וויל לעבן! שענק מיר ס׳לעבן! (שלוכצט).

סולטאַן: (פאַרקרימט זיך, אַנטוישט) ווילסט מיך נישט היינט, יאַהוד, ניין. דו ווילסט מיך נישט מער! נעכטן האָסטו מיך געוואָלט, אָבער היינט נישט! אומזיסט צוליב דיר מיין יאַגד היינט פאַרשפּילט. מיין וויזיר איז אַ שוטה, מיין קאַימאַקאַם איז אַ פּחדן! מרידות אין לאַנד, אויפשטאַנדן, בלוט־פאַרגיסונגען! (ער לאַכט) פּונקט ווי מיך וואָלט געשראָקן מרידה און בלוט! מיינע אייגענע ברידער, אַז דער גלאַנץ פון מיין קרוין האָט זיך צו שטאַרק אין זייערע אויגן צעשפּילט — האָבן פון מיר אַ מתנה באַקומען: אַ גילדענעם פאָדים, צו פאַרציען דעם האַלדז. און מיין אייגענע מוטער אפילו, זי ווייסט, אַז אויב זי וועט זיך אויף דער זייט פון מיינע שונאים שטעלן, וועט איר עלטער זיין קירצער ווי קורץ. האָסט געזאָגט: דו ביסט די פייל פון גאָט, און ס׳איז

נישט פאַראַן קיין כוח אויף דער וועלט, וואָס זאָל קעגן דיר אַ פּאַנצער זיין!

שבתי: ניין, פאָטער־פאַדישאַך! איך שווער דיר!

סולטאַן: שוויַג! האָסט געזאָגט! און צוליב דעם טאַקע האָב איך מיין יאַגד היינט דורכגעלאָזט. (מיט אַ ביטול־שמייכל) אַפּנים, ביסט זיך טועה געווען?

שבתי: יאָ, פאָטער־פאַדישאַך. פאַרציי!

סולטאַן: אַ שאָד, יאַהוד, אַ שאָד! איך האָב גראָד ליב פייַלן! זיי ווילן מיך! אַלײן אַ פייל צו זיין — ניין! ניט קיין געטלעכע, ניט קיין מענטשלעכע — ס'לוינט נישט די מי! אָבער אַ פּאַנצער זיין, אַ שילד — דאָס יאָ! זעסט, יאַהוד, אַלץ, וואָס שטויסט זיך אָן אָט דאָ (ווייזט אויף זיין ברוסט), אָט דאָ, ווערט צע־ריבן, ווערט צעשטויבט, פאַרשווינדט! כ'בין אַ פּאַנ־צער, וואָס לאַנגווייליקט זיך! צו דיר בין איך לייט־זעליק, יאָ... כ'ווייס אַליין נישט פאַרוואָס. וויזיר!

וויזיר: מיין האַר?

סולטאַן: (אָנווייזנדיק אויף די פיילנשיסער) הייס אַרויסגיין!

וויזיר: (מאַכט אַ צייכן; די פיילנשיסער גייען אַרויס).

סולטאַן: (צו שבתין, מילד) שטיי אויף, יאַהוד! (שבתי שטעלט זיך) דו ביסט אומשולדיק, נישט אמת?

שבתי: יאָ, אַלהעכסטער האַר! יאָ, איך שווער דיר!

סולטאַן: שולדיק אין אַלץ זיינען זיי, די ברידער דיינע?

שבתי: יאָ, אַלהעכסטער האַר! יאָ, איך שווער דיר!

סולטאַן: שלעכטע זיינען זיי, די ברידער דיינע! פאַלשע זיינען זיי! דאַרפסט זיך אָפּשיידן פון זיי!

שבתי: (ווי פריער) יאָ, פאָטער־פאַדישאַך! יאָ!

סולטאַן: דאַרפסט אַוועק פון אַלע זייערע פאַלש־קייטן!

שבתי: (חזרט) יאָ, פאָטער־פאַדישאַך... יאָ...

סולטאַן: דאַרפסט זיך באַקערן צום אמת, צום רעכטגלויביקן אמת! איאָ?!

שבתי: (פלוצלינג אומרואיק, ווי ער וואָלט עפּעס אָנגעהויבן פאַרשטיין) צום... רעכטגלויביקן אמת, מיין האַר?!

סולטאַן: יאָ, צו דער רעכטגלויביקער אמונה!

שבתי: (אַלץ מער און מער אומרואיק) צו דער...? צו דער... אמונה, פאָטער־פאַדישאַך?!

סולטאַן: (שאַרף) יאָ! צום טורבאַן! וויזיר!

וויזיר: האַר מיינער?

סולטאַן: (שטרענג) גיב אָט דעם יאַהוד אַ גרינעם טורבאַן! ער וויל אַ רעכטגלויביקער ווערן! אַללאַה אַכבאַר, אַללאַה! אַללאַה איז אַללאַה און זיין נביא איז מאַהאָמעד!

(דער וויזיר דערלאַנגט שבתין אַ טורבאַן.)

שבתי: (נעמט דעם טורבאַן; זיינע הענט ציטערן; ער פליסטערט עפּעס אומפאַרשטענדלעכס, מיט אַן אָפן מויל; קוקט אין דער הויך, ווי צום הימל, דערנאָך אין אַלע זייטן).

סולטאַן: (געלאַסן) נו, וואָס, דו וואַרטסט אויף עפּעס?! אויף די פיילנשיסער אפשר?! זיי שטייען הינטער אָט־דער טיר.

שבתי: איך... איך... (מיט ביידע הענט, ציטערנדיק אינגאַנצן, הויבט ער פאַמעלעך דעם טורבאַן צום קאָפּ.)

סולטאַן: שנעלער, יאַהוד!!!

שבתי: (ציטערט אינגאַנצן) האַר מיינער! אַל־העכסטער האַר! פאָטער־פאַדישאַך! אַ גאָט־געלערנטער בין איך... אַלע הייליקע שריפטן נאָכגעפאָרשט...

שוין לאַנג, יאָרן לאַנג, ווי די אויגן האָבן זיך מיר געעפנט... בלויז אייער נביא איז דער אמתער נביא... בלויז ער איז אויף דער וועלט געקומען, כדי די מענטשן צו דערלייזן... אַ רעכטגלויביקער בין איך, פּאַטער־פּאַדישאַך! אַ רעכטגלויביקער! (ער טוט אָן אויפן קאָפּ דעם טורבאַן) אַללאַה אַכבאַר אַללאַה! אַללאַה איז אַללאַה און זיין נביא איז מאַהאָמעד!

סולטאַן: זאָל דער נאָמען זיינער זיין געלויבט אין אַלע אייביקייטן!

שבתי: אָמן, פּאַטער־פּאַדישאַך!

סולטאַן: אַזוי איז רעכט! איצט ביסטו אונדזער ברודער! פון היינט אויף וועסטו הייסן: מעהמעד עפענדי, און איך שענק דיר דעם הויף־טיטל: קאַפּודזשי־באַשי. כ׳האָב דיר געזאָגט — כ׳בין לייטזעליק צו דיר. (ער רופט) וויזיר!

וויזיר: מיין האַר?

סולטאַן: גיב אים אַ מתנה, אין מיין נאָמען! אַ רייכן מאַנטל, אויסגעשטיקט מיט גאָלד! (מען טוט שבתין אָן אַ מאַנטל).

שבתי: (מורמלט קוים דערהערבאַר) אַ דאַנק... אַ דאַנק, פּאַטער־פּאַדישאַך...

סולטאַן: (הויבט זיך אויף פון טראָן, דערנעענטערט זיך צו שבתין, באַטראַכט אים פון אַלע זייטן) פיין! אַט אַזוי טאַקע דאַרף גיין געקליידט אונדזער ברודער, דער גאָט־געלערנטער מעהמעד עפענדי, קאַפּודזשי־באַשי! (און שאַרף) רופא!

זאַדי: וואָס באַגערט מיין האַר?

סולטאַן: אין אָט דעם טראַכט זאָל ער דאָ (ווייזט אויפן באַלקאָן) פאַר זיינע ברידער זיך באַווייזן! (און צו שבתין) זעסט, ברודער מעהמעד, ווער האָט עס געזאָגט, אַז איך וויס נישט פון קיין יושר?! האָסט מיך געכטן פאַרוויילט, האָב איך דיך היינט באַלוינט ווי

**געהעריק.** (און נאָך אַ ווײַלע, מיט חוזק) **די געטלעכע פּייל!** (ער גייט צו נאָך נענטער צו שבתין, קלאַפּט אים לײַכט, מיט צוויי פינגער, איבערן אַקסל, צעלאַכט זיך מיט אַ קורצן אָפּגעהאַקטן געלעכטער, פריער שטיל, באַלד העכער; רײַסט פּלוצלינג איבער און שרײַט אויס ווילד) **קאַימאַקאַם, הייס שפּאַנען די פערד!**

(דער סולטאַן גייט שנעל אַרויס, נאָך אים די גאַנצע סוויטע; ס'בלײַבן בלויז שבתי און זאַדי.)

**זאַדי:** **ברודער מעהמעד, האָסט געהערט דעם פאַרלאַנג פון אונדזער פאָטער דעם פּאַדישאַך?** (ער ווײַזט אַן אויפן באַלקאָן).

**שבתי:** (רירט זיך נישט פון אָרט, ווי פאַרזונקען אין אַ טיפן חלום).

**זאַדי:** (גייט צו צו אים) **ברודער מעהמעד!**

**שבתי:** (הויבט אויף דעם קאָפּ, מורמלט, אָנווײַזנדיק מיטן פינגער אויף דער זײַטיקער טיר, דורך וועלכער שלמה איז פריער געהאַט אַרויס) *שלמה! שלמה!*

**זאַדי:** **דײַן תלמיד ווילסטו?**

**שבתי:** (אין געמורמל) *שלמה... שלמה...*

**זאַדי:** **באַלד, ברודער מעהמעד!** (ער גייט אַרויס).

(שבתי, אַליין, שטייט פאַרזונקען אין מחשבות; ס'עפנט זיך אַ טיר און ס'באַווײַזט זיך בנימין.)

**בנימין:** **האַר מײַנער! פאָטער!**

**שבתי:** (ווי אויפגעוועקט פון אַ חלום) *דו, בנימין?*

**בנימין:** **ס'איז נאָך נישט צו שפּעט, מײַן האַר! דאָס פאָלק וואַרט אויף דײַן וואָרט!** (ער ווײַזט אויפן באַלקאָן).

**שבתי:** (פליסטערט) *בנימין... דער טורבאַן!* **זעסט נישט דעם טורבאַן, בנימין?!**

**בנימין:** **ווי אַ שרץ וועסטו אים פון זיך אַראָפּוואַרפן! באַלד קאָנסטו פריי זײַן, אויב נאָר אַזאַ איז**

דיין ווילן! אַלץ איז גרייט! עס וואַרט אויף דיר דאָס פאָלק!

שבתי: (מיט אַ געבראָכן קול) בנימין, ס'איז מיין חיות אויסגעדרונען, ווי ס'רינט אויס דאָס בלוט דורך אַן אָפענער וואונד. די אמונה האָט זיך אָפּגעטאָן פון מיר און כ'בין ווי אַ שאָטן פון מיין אייגענעם שאָטן פון אַמאָל. געשטראָפט בין איך! גאָט האָט מיך אין גרוב אַריינגעוואָרפן.

בנימין: נאָך פאַלן קומט דערהויבונג, מיין האַר! אונדזערע מחנות זיינען גרייט! דער בויגן איז אָנגעשטאַלט!

שבתי: די פייל אָבער — די פייל איז צעבראָכן! אַ זינדיקער בין איך! אַ לעסטערער בין איך! וואָס מער איך האָב געוואָלט צום כביכול זיך דערהויבן, אַלץ מער בין איך געזונקען אין אָפּגרונט פון זינד! צו מיינע ברידער האָב איך געזאָגט: איך בין אייער גאָט! איך, דער נישטיקער וואָרים, דער נישטיקסטער פון אַלע ווערים אויף גאָטס ערד! שדים, גלגולים באַפאַלן מיך פלוצלינג און באַוועגן מיין צונג און רירן מיט מיינע ליפּן און ס'רייסט גישט מיין רעכטע האַנט, וואָס עס טוט די לינקע!

בנימין: הקדוש ברוך הוא איז פול מיט רחמים, מיין האַר! תשובה טוט אויף אַלץ מכפר זיין!

שבתי: תשובה — צו וואָס?! די וועלט האָט אַ חלום געחלומט — און איך בין דער חלום געווען. אַ פאָלק האָט אַ טרוים געטרוימט, — און איך בין דער טרוים געווען! איז דער חלום צעשוואומען און דער טרוים איז אַוועק ווי אַ רויך. און איך בין געבליבן אַליין — אַ פאַלשער משיח!

בנימין: האַר מיינער, עס האָט נאָך קיינמאָל קיין שום פאַלשער משיח נישט אויסגעטריקנט די קוואַלן פון גלויבן, די קוואַלן פון גאולה־טרוים! די טרוימער

זיבעו האַרמאָנעקיג און אײביק, ווי די צײַט! קום מיט מיר, פֿאָטער מײַנער! קום און הויב אויף דײַן האַנט, ווי משה רבינו, ווי יהושע בן נון, און אויף שטענדיק שוין וועסטו בלײַבן אונדזער גואל, דער משיח האמת!

שבתי: צו שפּעט! ווי אַ פֿעלז איז געווען מײַן האַרץ און ווי אַ קיזלשטײן מײַן זין, איז דער פֿעלז צע־שפּאָלטן געוואָרן און דער קיזלשטײן האָט זיך פֿאַר־וואַנדלט אין שטויב. וואוהין זאָל איך גײן און צו וועמען?! אײנזאַם בין איך! כ'בין אַלײן — ווי גאָט! (און נאָך אַ קורצע פּויזע) איך בלײַב דאָ, בנימין!

בנימין: דאַרפֿן מיר זיך שײדן, מײַן האַר. יאָרנ־לאַנג איז דײַן וועג געווען אויך מײַנער. איצט צעגײען זיך אונדזערע וועגן!

שבתי: (פֿליסטערט) פֿאַרלאָזסט מיך, זון מײַנער?

בנימין: יאָ, מײַן האַר, איך גײ מיט זײ! (ווײַזט אויפֿן באַלקאָן) שטרײַטן דעם גאולה־שטרײַט, וואָס איז די מלחמה פֿון גאָט!

שבתי: (נאָך אַ װײַלע שטילשווײַגן) אָמן, זון מײַ־נער! גײ אין פֿרידן!

בנימין: בלײַב אין פֿרידן, האַר מײַנער! (און שטילער) אויב דו קאָנסט פֿרידן געפֿינען אין — קאָ־פּודזשי־באַשי! (ער גײט שנעל אַרויס).

שבתי. (איז געבליבן אַלײן; ער נעמט אַראָפּ זײַן טורבאַן, באַטראַכט אים, טוט אים צוריק אָן. נעמט אַראָפּ זײַן מאַנטל, באַטראַכט אים, טוט אים אָן, מור־מלענדיק) קאָפּודזשי־באַשי!...

זאַדי: (קומט אַרײַן, קוקט זיך אַרום, מאַכט אַ צײכן צו דער אָפֿן־געלאָזענער טיר; ס'באַווײַזט זיך שלמה; ער בלײַבט ווי פֿאַרשטײנערט).

שלמה: (פֿליסטערט) קיניג!... קיניג?!...

שבתי: שלמה! זון מײַנער! איך בין אַ ישמעאלי געוואָרן!

זאַדי: (צו שלמהן) אייער נביא וועט זיין תורה טראָגן אין דער וועלט פון טורבאַן, פונקט ווי דער נוצרי איז געגאַנגען קיין רוים. איז עס נישט אַ נס?!

שבתי: שלמה, שלמה... מען האָט פון מיר אַ ישמעאלי געמאַכט...

זאַדי: אייער נביא האָט אין די סודות פון טור־באַן אַריינגעטויכט — איז עס נישט אַ נס?!

שלמה: (וואַרפט זיך פלוצלינג צו שבתיס פיס) קיניג! משיח! עס שטייט געשריבן: כדי אויפצוברעכן פון אינעווייניק די תפיסה פון דער וועלט, דאַרף משיח אַליין אַראָפּנידערן אין קיניגרייך פון בייז! וואונדער איבער וואונדער! דאָס וואָס איז פאַרזאָגט, איז מקוים געוואָרן! דערלייזער, געלויבט זאָל זיין דיין נאָמען!

שבתי: (הערנדיק שלמהס ווערטער, הויבט שבתי אָן ווי אויפצולעבן; ער גלייכט זיך אויס, זיינע אויגן ווערן ליכטיקער; ס'איז אָבער קענטיק, אַז ער גלויבט זיך נאָך אַליין נישט) דו זאָגסט, ס'איז געשריבן: אַראָפּ־נידערן אין קיניגרייך פון בייז?!

שלמה: יאָ, האַר מיינער! אין מלכות פון פינצ־טערניש! כדי פון די אינגעווייטן פונעם שלעכטס דאָס ליכט צו ברענגען אויף דער וועלט!

שבתי: ביסט זיכער?! אין מלכות פון פינצ־טערניש?!

שלמה: יאָ, קיניג! צי נעמט דען ניט משיח אויף זיך באהבה די גרעסטע בזיונות, כדי מכפר צו זיין פאַר די זינד פונעם פאָלק?!

שבתי: (אַ שמייכל פון ליטזעליקייט צעשפּילט זיך ביסלעכווייז אויף זיין פנים) שלמה, שלמה, זון מיינער! ווילסט זאָגן: אויך דאָס מאָל האָט גאָט גע־פירט מיינע טריט?!

שלמה: ווי תמיד, האַר מיינער! ווי אומעטום! געלויבט און געפּרייזט ביסטו לעולם ועד!

**שבתי:** שלמה, קאָן, אויב אַזוי, אויך אַן אומגלויביקער משיח זיין?!

**שלמה:** אַבי נאָר אמונה אין אים, האַר מיינער! מיטן סוד פון אמונה, קאָן אויך אַן אומגלויביקער משיח — משיח צדק זיין! הערלייכער אונדזערער, פאַרשטויס מיך נישט פונעם וועג צו גאולה! דיין קנעכט בין איך און וועל דיך נאָכפאָלגן, וואו נאָר דו וועסט זיך ווענדן!

**שבתי:** אויך אין געטלעכן סוד פון טורבאַן?!

**שלמה:** יאָ, האַר מיינער! אומעטום, מיט דיר — ביז מיין לעצטן אָטעם!

**זאַדי:** (דערלאַנגט שלמהן אַ גרינעם טורבאַן) ברודער, דאָס איז דער סימן פון בונד! (צו שבתין) איז עס דער סימן, ברודער מעהמעד?

**שבתי:** יאָ, ברודער זאַדי! פונעם בונד אויף אַלע אייביקייטן.

**שלמה:** אָמן! (ער טוט אָן דעם טורבאַן).

**זאַדי:** (צו שבתין) אַצינד הערפּיל דעם ווילן פון סולטאַן. (ער גייט צו צום באַלקאָן, עפנט די טירן; פון ווייטן דערטראָגן זיך פריידיקע אויסרופן פון אַ גרויסער עולם מענטשן; די אויסרופן ווערן נאָך שטאַרקער, ווען מען באַמערקט פון דרויסן, אַז דער באַלקאָן האָט זיך געעפנט.)

**זאַדי:** גיי, ברודער מעהמעד! באַווייז זיך פאַרן פאָלק:

**שבתי:** (וואַקלט זיך אַ ווײַלע, זיינע טריט זיינען אומזיכערע; באַלד גלייכט ער זיך אָבער אויס, הויבט אויף הויך דעם קאָפּ און, מיט אַ צעשטראַלטן פּנים, שטעלט זיך ביים אָפענעם באַלקאָן; עס באַגעגנט אים אין ערשטן אויגנבליק אַ ריזיקער אויסברוך פון פרייד־געשרייען, וואָס ווערט אָבער באַלד אַלץ געצווימטער און געצווימטער.)

**שבתי:** (מיט אַ פייערלעכן, קלינגענדיקן קול) ברידער מיינע, איך האָב אייך אַ ליכטיקע בשורה אָנ־

צוזאָגן: גאָט האָט מיך פאַר אַ ישמעאלי געמאַכט! איך בין איצטער אייער ברודער מעהמעד עפענדי, קאַפּודזשי־באַשי! גאָט ברוך הוא האָט באַפוילן, און איך האָב געפאָלגט! זאָל זיין נאָמען זיין געלויבט און געגרויסט אין אַלע אייביקייטן!

שלמה: (וואָס האָט זיך געשטעלט ביי דער זייט פון שבתין) זאָגט אמן, ברידער! זאָגט אמן אויפן גרויסן נס, וואָס איז נישט משיג צו זיין מיטן אָרעמען מענטש־לעכן שכל! אמן, ברידער! זאָגט אמן!

(אין דרויסן איז צוגעפאַלן אַ טויטע שטילקייט; שבתי איז ווי פאַרוואונדערט, ער פאַרשטייט זי נישט; ער קוקט זיך אַנגעסטלעך אַרום, ווי זוכנדיק הילף; אַ פויזע; ס'עפנט זיך ראַש די טיר און ס'פאַלט אַריין סאַראַ, צעשויבערט.)

סאַראַ: (אין האַלב־געוויין) קיניג! אַ, קיניג! וואָס האָסטו געטאָן?! וואָס האָסטו געטאָן, קיניג?!

שבתי: סאַראַ, גאָט ברוך הוא האָט באַפוילן... איך האָב זיין ווילן געטאָן... כ'בין איצט מעהמעד עפענדי, סאַראַ! כ'בין קאַפּודזשי־באַשי!

סאַראַ: אַזוי פיל בלוט, אַזוי פיל בלוט — און דו ביסט מעהמעד עפענדי! און די מלחמה פון גאָט?! די פאָן איז פון האַנט אַרויסגעפאַלן! דער שופר האָט נישט געשאַלט! דער שטרייט איז נישט אויסגעשטרייט און משיח בן יוסף איז נישט געפאַלן ביי די טויערן פון ירושלים!

שבתי: (אומדרייסט) גאָט ברוך הוא האָט באַ־פוילן, סאַראַ... (נעמט זי אָן פאַר אַ האַנט.)

סאַראַ: (רייסט אַרויס פון אים די האַנט) גאָט ברוך הוא קאָן נישט באַפוילן קיין רציחה, מעהמעד עפענדי! און דו ביסט אַ רציחה באַגאַנגען! איך שפיר דעם ריח פון דיין בלוט! בלוט פון אַ רוצח! ווי צו די, וואָס זיינען אומגלויביק! צען מאָל ווי צו די, וואָס האָבן דעם גלויבן פאַרלוירן! אָבער הונדערט מאָל, טויזנט מאָל ווי צו די, וואָס לעשן יענעמס אמונה!

שבתי: סאַראַ, עס שטייט געשריבן: משיח דאַרף אַליין אַראָפּנידערן אין קיניגרייך פון פינצטערניש...

סאַראַ: דער תהום פון פינצטערניש האָט דיך פאַרשלונגען, שבתי צבי — אָבער בלויז דיך אַליין! איך בין אַ פאַקל — אַ פאַקל פון בלוט! ווער זאָגט עס, אַז בלוט קאָן בלויז זידן?! עס קאָן אויך פלאַקערן, ס׳קאָן וועלטן ציגדן! איך בין אַ פאַקל, אַ נר־תמיד בין איך — פון די געשאָכטענע, פון די פאַרפייניקטע, פון די געשענדעטע! אַ נר־תמיד פאַר דער מלחמה פון גאָט! וועמען וועל איך איצט דעם וועג באַלייכטן, מעהמעד־עפענדי?! וועמען וועל איך צום שטרייט באַהויכן, מעהמעד־עפענדי?! וועמען?! וועמען?!! וועמען?!!!

(זי גייט איבער אין אַ אָן־ווערטערדיקן קלאָג־ליד, פריקער שטיל, דערנאָך אַלץ העכער און יאָמערלעכער; ביסלעכווייז ווערט דאָס ליד אונטערגעכאַפּט פון הינטער דער בינע, פון די עדה׳ס ייִדן, וואָס זיינען פאַרזאַמלט פאַרן פּאַלאַץ.)

(דאָס ליכט גייט אויס פּאַמעלעך)

## בילד דריי

(פאַרן פּאַלאַץ)

די בינע באַלייכט זיך פּאַמעלעך. דאָס קלאָג־ליד הערט זיך זייער שטיל; באַלד פאַרגייט עס אינגאַנצן; פיל מענטשן, מענער און פרויען; צווישן זיי, די אַלטע פרוי מיטן קינד.

שטימען פון עולם:

— אָפּנאַרער!

— באַטריגער!

— משומד!

— פאַלשער משיח!

— צו שאַנד און שפּאָט אונדז געמאַכט!

— טויטן אים! טויטן אים!

די פרוי: אוי, קינד מיינס, קינד מיינס! אַזוי פיל טרערן אויסגעוויינט, אַזוי פיל בלוט אונדזערס איז פאַרגאָסן געוואָרן — און נאָך אַלץ נישט דער קץ! נאָך אַלץ נישט קיין סוף צו דעם בייז!

שטימען פון עולם:

— אין פּאַלאַץ זיך אַריינרייסן!

— דעם באַטריגער פאַר די הינט וואַרפן!

— טויטן אים! טויטן אים!

די פרוי: קוק, קינד מיינס! די העלזעערין!

(פון לינקס לויפט אַריין דאָס זעלבע מיידל, ווי אין ערשטן בילד פון ערשטן אַקט; אירע האָר זייענען צעשויבערט, די אויגן ברענען ווילד; זי שטייט אַ ווײַלע און הויבט אָן מורמלען, אַלץ העכער און העכער.)

דאָס מיידל: גאָט, איך הער דיך! איך זע דיך! גאָט, אונדזער גאָט! מיר האָבן געשריען פון די טיפע־נישן! דו האָסט אונדזער געשריי פאַרנומען! משיח

קומט! גלויבט, גלויבט, ברידער! ווי צו דעם ניט־גלויביקן!

די פרוי: אמת, קינד מיינס! ווי, אָ, ווי צו **דעם** ניט־גלויביקן!

דאָס מיידל: עפנט אייערע הערצער! שפּרייט אייערע אָרעמס! משיח קומט! נישט דער באַטריגער! נישט דער אָפּנאַרער שבתי־צבי! ס׳קומט משיח האמת! גאָט, איך זע אים! איך זע זיין קרוין! זי לויכט ווי אַלע זונען! משיח קומט! נישט פאַרצווייפלט, טאָמער פאַרזוימט ער זיך — משיח צדק קומט! נישט פאַלט אַראָפּ ביי זיך, אויב די צייט ציט זיך לאַנג — משיח האמת קומט! האַלט אָפן אייערע הערצער! משיח טוט מלחמה האַלטן די מלחמה פון גאָט! גלויבט, גלויבט, ברידער! ווי צו דעם ניט־גלויביקן! (זי לויפט אַרויס; מען הערט, ווי זי גיט אַ פאַל הינטער דער בינע.)

די פרוי: זי איז געפאַלן!

אַ שטילער געמורמל צווישן עולם, וואָס גייט זיך ביסלעכווייז פאַנאַנדער; ס׳בלייבט בלויז די אַלטע פרוי מיטן קינד; זי שטייט פאַרקוקט אויף דער הילזעערין, וואָס ליגט הינטער דער בינע.

די פרוי: שטילער! מען טאָר נישט הויך ריידן! מען טאָר זיך נישט דערנעענטערן! דער רוח הקודש איז אין איר! (פויזע) זעסט, קינד מיינס, קוק גוט און פאַרגעדענק! דער באַטריגער פאַרגייט, אָבער די נבואה בלייבט! האָסט געהערט, מיין קינד?! אפילו אויב די גאולה פאַרזוימט זיך, טאָר מען נישט פאַרצווייפלען חלילה, נאָר אמונה האָבן! אמת, קינד מיינס, אמת! (זי דריקט דאָס קינד צו זיך און חזרט, אַלץ שטילער) נאָר אמונה האָבן! אמונה האָבן! אמונה האָבן!

(פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם)

## ווערק פון ח. סלאָוועס

„נקמה־נעמער״, טראַגעדיע אין 3 אַקטן. פּאַריז, 1947. 94 זייטן.

„המנם מפּלה״, פאָלקס־שפּיל אין 4 אַקטן, פּאַריז, 1949. 104 זייטן.

„די יונהם און דער וואָלפיש״, פאָלקס־שפּיל אין 3 אַקטן. פּאַריז, 1953. 118 זייטן.

„ברוך פון אַמסטערדאַם״, דראַמע אין 4 אַקטן. ניו־יאָרק, 1956. 112 זייטן.